גליון
# באור החיים

פרשת תולדות - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתנ"ו

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
משפחת ראטטענבערג שיחי'
לע"נ אחיהם הרה"ח ר' שמואל אלקנה בן ר' ארי' ע"ה
היארצייט ביום ד' כסלו - ב' ויצא הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר יואל מערמעלשטיין הי"ו (מאנסי)
לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### אם יתפלל אדם לצער השכינה ימלא ה' את בקשתו

**ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו.**

ידוע מהבעש"ט הק' דאם חסר דבר לאדם למטה בעוה"ז, הוא משום החסרון שיש למעלה, שחוסר כביכול להשכינה הק', לכן יתפלל שיתמלא חסרון להשכינה, וממילא יתמלא החסרון למטה מה שחסר לו, ופירוש בזה המגיד הק' מ'מעזריטש זי"ע, את המשנה בברכות (ל:) אין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש, דכשמתפללין צריך העיקר תפלה להיות "מתוך כובד", כובה הוא צער, "ראש" זהו השכינה הנקרא ראש.

וזהו פירוש הפסוק "ויעתר יצחק לה'" כמו שפירש הרה"ק מ'אפטא זי"ע בספרו הק' אוהב ישראל, דיצחק התפלל "לנוכח אשתו" השכינה הק' נקראת בבחינת אשתו, כדאיתא מאר"י הק' דקודם תפלת שמונה עשרה אמרינן א'דני ש'פתי ת'פתח ו'פי יגיד תהלתך, דד' תיבות הראשונים הוא ראשי תיבות "אשתו", וזה מרמז על השכינה, וזהו פירוש "לנוכח אשתו" דיתפלל להשי"ת, "כי עקרה הוא" דהשכינה היא בבחינת עקרה, דיש חסרון דבר להשכינה, וע"י שהתפלל שיתמלא חסרון השכינה, ע"י זה "ויעתר לו ה' ותהר רבקה אשתו", דגם כן נתמלא חסרונו למטה בעולם הזה.

(עבו"ע שפ"ק תולדות)

### יעקב זכה לקבל הברכות ע"י ענוה ושפלות

**גשה נא ואמשך.**

פירוש רש"י "דאמר יצחק בלבו, אין דרך עשו להיות שם שמים שגור בפיו".

ויש לבאר, דהיה תמיד שגור שם שמים בפיו של יעקב, ומפני כך האציל עליו את ברכותיו, כי יעקב הוא בחינת עקב, שתמיד הכיר את שפלותו שאין לו כלום, ולכן היה רגיל להזכיר את שם ה' על כל תנועה ותנועה, ובכח זה זכה לקבל את הברכות.

וזהו שנאמר בתהלים (ל' ב') "ארוממך ה' כי דליתנו", כלומר כיון שאני בעיני בבחינת דל, לכן ארוממך ה', כי מי שמכיר שפלותו, מודה ומשבח לה' תמיד, ומסיים "למען יזמרך כבוד ולא ידום", שאני מודה ומזמר לה' בלי הפסק, ולא ידום לעולם אלא בראש תוך סוף, בכל המצבים פי מלא תהלה לה', כי אני זוכה למדת האמת, להכיר כי הכל הוא חסד חנם מאת הקב"ה, ובדרך זה זכה יעקב לקבל הברכות.

(עבו"ע פתג"ק חנוכה)

### מי שיש לו השגה אמיתית הולך בדרך ישראל סבא

**ויתן לך האלקים מטל השמים ומשמני הארץ.**

איתא בזוה"ק (קמג:), אמר רבי חזקיה, והא חמינן דמשמני הארץ וטל השמים אינון ברכאן נטל עשו לבתר, כמה דאת אמר הנה משמני הארץ יהיה מושבך ומטל השמים מעל. אמר רבי שמעון, לאו האי כהאי ולא דא כדא, כמה אתפרשאן דרגין, ביעקב כתיב ויתן לך "האלקים", ובדא כתיב "יהיה" וכו' עכ"ל. ומאריכין שם עוד בזה בלשונם המתוק.

ואמרו שם עוד, כי בעת ביאת מלך המשיח, יירש יעקב גם ברכתו של עשיו לתתא, כי יעקב

המשך בע' ג

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**ורב יעבוד צעיר, דער עשו "ארבעט אויס" דעם יעקב.**

(מפי השמועה)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דברי רב - באדיש

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **יואל** (כ"ר יעקב זאב) **גוטמאן** הי"ו (מאנסי)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## יצחק אבינו האט געוואלט מעלה זיין די ניצוצות פון עשיו'ס מאכלים און מיט דעם כח אים בענטשן

ועתה שא נא כליך תליך וקשתך, וצא השדה וצודה לי צידה, ועשה לי מטעמים כאשר אהבתי, והביאה לי ואכלה בעבור תברכך נפשי בטרם אמות.

שטעלן זיך די מפרשים, פארוואס האט יצחק געזאגט וצודה לי ציד ער זאל דווקא גיין פאנגן, פארוואס איז נישט גוט צו ברענגען עפעס וואס איז שוין לאנג גרייט.

נאך פרעגט מען, אויב יצחק האט געוואלט בענטשן עשיו, וואס האט אויסגעפעלט ער זאל אים ברענגען עסן, ער קען אים בענטשן אן די עסן אויך.

נאך איז שווער, וואס זאגט ער ועשה לי מטעמים כאשר אהבתי, יצחק האט געדארפט מטעמים כאשר אהבתי, האט ער דען ליב געהאט עפעס ספעציעל, ער איז געווען הונגעריג ער האט געדארפט וויין צו טרינקען, און אויב דארף ער טאקע יא, פארוואס דארף אים עשיו דאס ברענגען, ער קען האבן עסן אן אים אויך.

זאגן די מפרשים פארשידענע ענינים אין דעם, אויף איין אופן זאגן זיי, אז ס'איז ידוע אז דורכ'ן עסן טוט מען מעלה זיין די ניצוצי קדושה, ווייל אין די מאכלים ליגן באהאלטן ניצוצי נשמות און זיי זענען דארט בצער גדול, און זיי ווארטן מ'זאל זיי מעלה זיין, מ'זאל זיי ברענגען צו זייער תיקון, און דורכדעם וואס דער מענטש עסט כדי צו קענען מיט דעם כח דינען דעם אייבערשטן, איז ער מעלה די ניצוצי נשמות לשרשם, און פון דעם ווערט א שמחה גדולה למעלה, אזוי ווי א מלך וואס האט איין איינציגן זון און ער איז געפאנגען געווארן, איז דער מלך בצער גדול, דאס קינד בענקט אהיים און דער מלך בענקט נאכן זון, און ווען ס'קומט א מענטש און לייזט אים אויס און ברענגט אים צום מלך, קען מען זיך נישט משער זיין די שמחה וואס דער מלך האט פון דעם, דער מלך איז דעמאלטס גרייט ממלא צו זיין אלע בקשות פון דעם מענטש וואס האט אים צוריק געברענגט, די זעלבע בעט דער רבוש"ע כביכול, ברענגטס מיר אהיים מיינע קינדער, מיינע ניצוצות, יעדע נשמה איז ווי אן איינציג קינד ביים רבוש"ע, און אז דער מענטש טוט דאס, ער איז מעלה די ניצוצי קדושה דורך דעם וואס ער עסט ווי א יוד, ער מיינט נישט לשם תאווה, ווערט דעמאלטס א געוואלדיגע עת רצון אויבן, דער אייבערשטער זאגט, האסט מיינע קינדער ארויפגעברענגט, האסט זיי אהיימגעברענגט פון געפענגעניש, בין איך ממלא אלעס וואס דו דארפסט.

דאס איז געווען דער ענין ביי יצחק אבינו, ער האט געוויסט די מעשים פון עשיו, אז ער איז נישט ראוי מקבל צו זיין די ברכות, האט ער געוואלט ער זאל אים ברענגען עסן, און דורך דעם וואס ער וועט עסן וועט עס גורם זיין א שמחה למעלה, ווייל ווען יצחק אבינו האט געגעסן איז געווארן אויבן א שמחה גדולה, און וויבאלד דאס וועט קומען דורך עשיו וועט דורכדעם זיין אן עת רצון אז ער זאל קענען משפיע זיין אויף אים ברכות, און דורך זיין עסן וועט ער קענען איבערבעטן דעם אייבערשטן, און מרצה זיין ער זאל מסכים זיין משפיע צו זיין די ברכות אויף עשיו, כאטש ער איז נישט ווערד.

דאס האט יצחק אבינו געזאגט, וצודה לי ציד, ברענגט מיר די ניצוצות וואס ליגן אין די מאכלים, וואס זיי זענען דארט געפאנגען, זיי זענען אזוי ווי שבויים, און דורך מיין עסן וועל איך זיי אויסלייזן, ועשה לי מטעמים, גרייט מיר צו, איך זאל קענען ברענגען מטעמים למעלה, איך וועל ברענגען א תענוג אויבן, כאשר אהבתי, אזוי ווי איך האב ליב מעלה צו זיין תענוגים למעלה, בעבור תברכך נפשי, דורך דעם וועל איך דיר קענען בענטשן, מיט דעם כח פון העלאת הניצוצות וואס וועט קומען דורך דיר, וועל איך האב א כח משפיע צו זיין אויף דיר א ברכה.

(עבודת עבודה שפתי קודש)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ג ר' **יששכר דוב מאירוביץ** שליט"א (טאהש)
לרגל שמחת אירוסי נכדו והולדת נכדו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### ויעתר יצחק לה' לנכח אשתו.

זאגט רש"י, זה עומד בזוית זו ומתפלל וזו עומדת בזוית זו ומתפללת.

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס דארף מען לאזן וויסן וואו יצחק איז געשטאנען, און וואו רבקה איז געשטאנען?

נאר מיר געפונען אין פסוק, אז ווען חנה האט מתפלל געווען אז זי זאל האבן קינדער, שטייט (שמואל א א' י"ג) "וחנה היא מדברת על לבה ויחשבה עלי לשכורה", חנה האט געדאווענט שטיל און עלי הכהן האט געמיינט אז זי איז שיכור, זאגן די ספרים הקדושים אז די סיבה פארוואס חנה האט געדאווענט בלבה, איז וויבאלד ווען מען איז מתפלל אויף א זאך וואס איז בדרך הטבע, דארף מען מתפלל זיין מיט א קול, אבער ווען מען איז מתפלל אויף א זאך וואס איז שלא כדרך הטבע, זאל מען נישט ארויס זאגן מיט'ן דיבור, נאר מען זאל מתפלל זיין במחשבה, און וויבאלד חנה איז געווען אן עקרה, האט זי דאך געדארפט בעטן אויף א זאך וואס איז חוץ לדרך הטבע, דעריבער האט זי נישט מתפלל געווען מיט א קול, אבער עלי הכהן האט געמיינט אז חנה איז שיכור, ווייל די דרך איז נישט געווען צו דאווענען שטיל נאר הויך מיט די קול.

דארף מען לכאורה פארשטיין, פארוואס האט עלי הכהן געטראכט אז אז די דרך איז צו דאווענען מיט די קול, די גמרא זאגט דאך אין מסכת ברכות (דף ל"א ע"א) "דאסור להגביה קולו בתפלתו" אז מען טאר נישט הויך דאווענען? ענטפערט אויף דעם דער חכמת שלמה (או"ח סימן ק"א) מיט דעם וואס דער מדרש זאגט אויף די פסוק (דברים ד' ז') "כי מי גוי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו", אז ווען א איד שטעלט זיך דאווענען, קען ער דאווענען שטיל און דער אייבישטער וועט הערן זיין תפלה, אבער די מלאכים ווען זיי זענען מתפלל מאכן זיי א רעש, ווייל "אלקים קרובים אליו" - כביכול השי"ת שטייט נאנט צו אונז אידן.

דאס אלעס איז נאר געזאגט געווארן ביי א זכר, ווייל ביי זיי איז שייך צו זאגן אז דער אייבישטער שטייט נאנט צו זיי, אבער ביי א נקבה איז נישט שייך צו זאגן אז דער אייבישטער איז נאנט, ווייל דאס איז נישט קיין כבוד כלפי מעלה, - אזוי ווי רש"י ברענגט צו די מדרש, ויאמר ה' לה על ידי שליח, - קומט אויס אז ווען א פרוי וויל דאווענען דארף זי מתפלל זיין מיט'ן קול, ווייל ביי פרויען איז נישט שייך צו זאגן אלוקים קרובים אליו, איז שוין זייער פארשטענדליך פארוואס עלי האט געטראכט אז חנה איז שיכור ווייל די פרויען פלעגן נישט מתפלל זיין שטיל.

אויף דעם האט חנה געענטפערט צו עלי הכהן "לא אדוני וכו' ואשפוך את נפשי לפני ה'", און די גמרא אין מסכת ברכות (ל"א ע"ב) דרש'נט, "לא אדוני? (בלשון תמיה) לאו איכא שכינה ורוח הקודש גבך"? איך שטיי דאך נעבן דיר, און ביי דיר עלי הכהן איז דאך דא די שכינה, ממילא מעג איך שוין מתפלל זיין שטיל.

לויט דעם קען מען מסביר זיין אז וועגן דעם האט דער אייבישטער נישט אנגענומען די תפלה פון רבקה, וויבאלד זי איז דאך געווען א עקרה, האט זי דאך געבעטן אויף א זאך וואס איז חוץ לדרך הטבע, און ווען מען איז מתפלל אויף חוץ לדרך הטבע דארף מען מתפלל זיין במחשבה, אבער א פרוי קען נישט מתפלל זיין במחשבה, ווייל ביי זיי איז נישט שייך קרובים אליו, דעריבער ויעתר לו ה' - לו ולא לה, און דער טעם פארוואס דער אייבישטער האט נישט אנגענומען רבקה'ס תפלה, איז נישט ווייל אין דומה תפלת צדיק בן צדיק לתפלת צדיק בן רשע, נאר וויבאלד זי האט מתפלל געווען שטיל.

אבער ווען רש"י זאגט אז זה עומד בזוית ז וזו עומדת בזוית זו, זעהן מיר דאך אז רבקה איז געשטאנען נעבן יצחק, איז דאך די שכינה אויך שוין געווען נעבן רבקה האט רבקה יא געקענט מתפלל זיין במחשבה, אויף א זאך וואס איז חוץ לדרך הטבע, אויב אזוי פארוואס האט השי"ת נישט אנגענומען רבקה'ס תפלהאויף דעם זאגט רש"י "שאינו דומה תפלת צדיק בן צדיק לתפלת צדיק בן רשע".

מיט דעם איז שוין פארשטענדליך פארוואס די תורה דארף מיר זאגן ווי רבקה איז געשטאנען, ווייל אויב רבקה וואלט נישט געשטאנען נעבן יצחק וואלט זי נישט געקענט דאווענען שטיל ווייל עס איז נישט "קרובים אליו" ביי פרויען, און דאווענען בקול האט זי אויך נישט געקענט ווייל זי האט געדארפט מתפלל זיין אויף א זאך וואס איז חוץ לדרך הטבע "כי עקרה הוא", וועגן דעם זאגט די תורה "לנכח אשתו".

(שמן ראש)

### ורב יעבוד צעיר.

דער וואס וויל זיין גרויס אין תורה און אין עבודת השם, דער דארף שוין אנפאנגן צו ארבעטן דערויף אין די אינגע יארן.

(הרה"ק רבי מרדכי מנאדבורנא זי"ע)

### ויקרא שמו יעקב.

פון די פסוק איז משמע אז דער טעם פארוואס מען האט איהם גערופן יעקב, איז ווייל ער האט אנגעכאפט דאס פערשט (עקב) פון זיין ברודער,

המשך מע' א

יירש שני עולמות, עלמא דין ועלמא דאתי, ולעשו לא ישאר חלק וירושה וזכר בעולם.

הרי לן מכל זה, כי למראית העין נראים כוחות הקדושה והטומאה שוים, ובאמת לאו האי כהאי ולא דא כדא, כמה דאתפרשאן דרגין, כי יעקב נוטל השפעות הקדושה מטל עילאה, דביעקב אמר קודם מטל השמים, ואילו עשו מקבל עניינים תחתונים דכתיב ביה קודם משמני הארץ.

ומי שאין בו דעת, רץ להתדבק בירושתו של עשו, ושומע ניגונים הבאים מחלקו של עשו, ובוחר בחלקו של עזאזל יותר מבחלק הקדושה, וסובר ששם ימצא מרגוע לנפשו, אבל מי שיש לו השגה אמיתית, מבין כי רק דבר הבא מכח הקדושה הוא טוב, ומתדבק בכחו של יעקב, יעקב חבל נחלתו והולך בדרכי האבות בדרך ישראל סבא, ובזכות זה יזכה לירש נחלת שני עולמות.

(עבו"ע פתג"ק בא)

פרעגן אויף דעם די מפרשים אויב אזוי, וואלט מען איהם געדארפט רופן "עקב" און נישט יעקב, די "י" איז לכאורה איבריג?

נאך קען מען פרעגן, רש"י איז מסביר אז דער טעם פארוואס מען האט איהם גערופן "עשו" איז ווייל ער איז געבוירן געווארן ווי א קינד וואס איז שוין אלט עטליכע יאר, פרעגן אויף דעם די מפרשים, לויט דעם טעם וואלט מען איהם געדארפט רופן "עשוי" מיט א י', אז ער איז אינגאנצן געמאכט געווארן?

מען קען דאס מסביר זיין, מיט דעם וואס די גמרא זאגט אין מסכת מנחות (דף כ"ט ע"א), עס שטייט אין פסוק (ישעי' כ') "ביה ה' צור עולמים" אז דער אויבערשטער האט באשאפן ביידע וועלטן עולם הזה און עולם הבא, עולם הזה מיט דעם אות ה', און עולם הבא מיט דעם אות י'.

רש"י זאגט, "ויתרוצצו הבנים בקרבה" מיינט זיי האבן זיך געקריגט, יעדער פון זיי האט געוואלט ירש'ענען ביידע וועלטן, עולם הזה און עולם הבא.

לויט דעם קען מען זאגן, אז דעריבער האט יעקב באקומען דער אות י' פון עשו, כדי צו מרמז זיין אז יעקב האט גענומען עולם הבא פאר זיין חלק, וואס עולם הבא איז באשאפן געווארן מיט דעם אות י'. און עשו האט גענומען עולם הזה פאר זיין חלק, האט מען גענומען דעם אות י' פון עשו און צוגעליינט צו עקב ווערט דאס "יעקב".

ווען עשו איז געוואויר געווארן אז יעקב האט צוגענומען פון איהם די ברכות, האט עשו געזאגט (כ"ז ל"ו) "הכי קרא שמו יעקב", עשו האט געמיינט מיט דעם צו זאגן, אויב באקום איך עולם הזה און יעקב באקומט עולם הבא, פארשטיי איך פארוואס מען רופט איהם יעקב מיט א י', אבער יעצט אז איך זעה אז יעקב האט צוגענומען מיינע ברכות פון עולם הזה, אויב אזוי פרעג איך "הכי קרא שמו יעקב" - פארוואס רופט מען איהם יעקב? מען וואלט איהם נאר געדארפט רופן עקב.

(עוז מיהודה)

# א מעשה אויף די פרשה

## אני עשו בכורך.

דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט אמאל געוואלט אויספרובירן וואס איז די סיבה פארוואס ער שפירט אזא דערהויבנקייט אינעם הייליגן שבת, האט ער איינמאל אין א געווויסן מיטוואך זיך אנגעטון בגדי שבת, און ער האט געגעסן פון די מאכלי שבת, און ער האט טאקע געשפירט די קדושות שבת.

ער איז געווארן מורא'דיג צובראכן, איז ער אריבער צו זיין רבי'ן דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע, אים זאגן אז ער האט געגעסן אלע מאכלי שבת אינמיטן די וואך און ער האט געשפירט די זעלבע טעם ווי ער שפירט שב"ק.

האט אים דער חוזה געפרעגט, צו ער האט אויך אנגעטון די בגדי שבת, האט ער אים געענטפערט אז יא, האט דער הייליגער חוזה געזאגט אז די בגדי שבת, האבן אין זיך אזא קדושה אז אפילו מען טוט זיי אן אינמיטן די וואך, שפירט מען זיך כאילו עס איז שבת.

די זעלבע זאך דא, יעקב אבינו איז דאך געווען א איש תם, און ער האט נישט געקענט סובל זיין און זאגן שקר, דעריבער האט רבקה געהייסן פאר יעקב זיך אנצוטון די בגדים פון עשו, און אזוי וועט ער קענען זאגן שקר.

## ותלבש את יעקב

אמאל האט א משכיל געפרעגט דעם הייליגן רבי ר' בונם מפרשיסחא זי"ע, צו ער ווייסט וועלכע סארט קליידער יעקב האט געהאט.

דער רבי ר' בונם האט אים גלייך געענטפערט, "יעקב האט געזעהן וואספארא קליידער עשו האט, האט ער שוין געוויסט וועלכע נישט צו האבן"...

*

צום הייליגער יוד הק' פון פרשסיחא איז אמאל אריינגעקומען א יונגערמאן וועלכע איז נישט געווען דער גרעסטער שם טוב מיט זיינע התנהגות, אבער בעפארן אריינגיין צום רבי'ן האט ער זיך צוגעגרייט, געגאנגען אין מקוה, אנגעטון אידישע מלבושים, זיך ארומגעגומען מיט א ברייטן גארטל, וכו'.

אריינגקומענדיג, האט דער יוד הק' באלד דערקענט דעם מענטש, וויסענדיג זיין מצב, האט ער זיך אנגערופן צו איהם, און געזאגט: אויפ'ן פסוק "ותקח רבקה את בגדי עשו בנה הגדול החמודות אשר אתה בבית", ווערט געברענגט אין מדרש רבה, אז ר' שמעון בן גמליאל האט געזאגט, אז אלע זיינע יארן האט ער נישט באדינט זיין טאטע אפילו א הונדערטסטע חלק וואס עשו האט באדינט זיין פאטער יצחק, וואס איז פשט, ווייל ער האט באדינט זיין טאטע אין ארבעטס קליידער, און עשו האט באדינט אין הערליכע קעניגליכע קליידער.

איז דאך שווער, אויב עשו האט אזוי מכבד געווען זיין טאטע, און פרובירט אלעמאל צו בעסער מאכן, און איז שטענדיג פארנומען געווען צו משמש זיין דעם טאטע, פארוואס האט דער זכות המצוה נישט געהאט א השפעה אז ער זאל ווערן א צדיק?

נאר דער תירץ איז, יעקב פלעגט קומען צו זיין טאטע אנגעטון אין זיינע קליידער, אזוי ווי ער פלעגט אלעמאל גיין, אזוי האט יצחק געקענט זעהן אלע זיינע מעלות און חסרונות, און יצחק האט געהאט די מעגליכקייט צו זיך באקענען מיט יעקב'ס התנהגות, און אים צוגעוויזן וואס ער דארף זיך פארבעסערן, משא"כ עשו, ווען ער איז געקומען צו יצחק האט ער זיך אריבערגעטוישט אין זיינע מלכות'דיגע בגדים, און געקומען ווי א פרומער, כדי יצחק זאל נאר זעהן גוטס אויף איהם, און יצחק האט נישט געקענט טרעפן אויף איהם קיין חסרונות, ממילא איז עשו געבליבן א רשע, טראץ זיין מצות כיבוד אב.


מזלא טבא וגדיא יאה
רגשי ידידות והכרת הטוב
מעומק לבבינו מיטב איחולינו נשגר, כסא דברכתא נרימה לנצח ולהדר, מול מעלת כבוד ידידינו המפואר, מוכתר בכל מדה נכונה ותואר,
החתן אשר ענזיל געלב נ"י
העומד תמיד לימינינו במסירות נאמנה
לרגל שמחת אירוסיו למזל טוב
ממרום ברכה, יוסיף ה' ככה, במעשיו הצלחה, רוח ששון והנחה, וברכות עד בלי די, הני תלת בני מזוני וחיי, בעזרתו יתברך קל חי, עדי נזכה בקרוב בימינו, לביאת משיח צדקנו, ומלכנו בראשינו, בב"א
הנהלת האיחוד



מעומק הלב פנימה, וברגשי גיל חדוה ושמחה, כסא דברכתא נרימה, בקול צהלה נעימה, בברכת מזלא טבא לאחינו היקר, נודע בשערים במדותיו הישרים, פאר המעלות ונועם המידות, הלוא הוא
החתן אשר ענזיל געלב נ"י
ממצויני תלמידי ישיבתינו הק'
לרגל שמחת אירוסיו למז"ט ובשעטו"מ
ברכותינו צרופות שתזכה להעמיד בית נאמן בישראל, ע"ד המסורה לנו מרביה"ק זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א, והבית בהבנותו יהי' מלא ברכת ה' על כל גדותיו, מתוך רב נחת והרחבת הדעת אושר ועושר, דורות ישרים ומבורכים, עדי נזכה לביאת משיח צדקינו ומלכנו בראשינו בב"א
המברכים בלב מלא שמחה, אחיך:
חיים זאב -החתן יצחק

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **ישעי' יצחק האכהייזער** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## זהירות אין קאך

### אייער - צוויבל - קנאבל וואס האבן גענעכטיגט ביינאכט אן שאלאכטץ

### א

### שאלה: ווי איז די מקור אז מען טאר נישט עסן אייער, צוויבל, קנאבל וואס זענען געווען אפגעשיילט, און זיי האבן איבער גענעכטיגט ביינאכט אן די שאלאכטץ?

**תשובה:** עס שטייט אין די גמרא (מסכת נדה דף י"ז) אז עס איז א סכנה צו עסן געשיילטע קנאבל, און געשיילטע צוויבל, און א געשיילטע איי, וואס האבן איבער גענעכטיגט איבער נאכט, ווייל עס גייט ארויף אויף זיי א רוח רעה, און דאס קען שאטן פאר א מענטש וואס עסט דאס, און די גמרא זאגט דערויף, אז דער וואס עסט דאס איז "מתחייב בנפשו, ודמו בראשו", דאס מיינט אז ער שטעלט זיך איין זיין לעבן.

און כאטש די הלכה ווערט נישט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך, נישט אין מחבר, און אויך נישט אין רמ"א, פונדעסטוועגן האט מען עס אנגענומען להלכה, וויבאלד דער בעל התניא ברענגט אראפ די גמרא להלכה (שו"ע הרב חושן משפט הלכות הגוף והנפש הלכה ז').

אזוי אויך דער חפץ חיים זצ"ל שרייבט (ליקוטי הלכות נדה י"ז, בעין משפט אות ז'), אז כאטש אין האב נישט געטראפן אז דער רמב"ם זאל ברענגען די הלכה, פונדעסטוועגן דארף מען אכטונג געבן אין דעם.

### ב

### שאלה: איז דא א חילוק צי זיי זענען געלעגן איבער נאכט אין א פארמאכטע כלי, אדער זיי זענען געווען אויפגעדעקט?

**תשובה:** די גמרא זאגט דארט, "ואף על גב דמנחי בסילתא, ומציירי וחתימי, רוח רעה שורה עליהם", דאס מיינט אז אפילו זיי זענען געלעגן אין א פארמאכטע כלי, אדער ארומגעוויקלט און פארזיגלט אין א זעקל א.ד.ג., איז שייך די סכנה.

די פוסקים שרייבן אז די קפידא איז, אפילו עס איז געלעגן איבער נאכט אין א זעקל וואס איז שטארק געסילט, אדער עס איז געלעגן אין א קען וואס איז הערמאטיש פארמאכט, אזוי אויך וועט נישט העלפן אז עס איז געלעגן צוגעדעקט מיט צוויי כלים, כיס בתוך כיס.

דאס זעלבע איז אויב עס איז געלעגן איבער נאכט אין פרידזשידער, אדער אין פריזער, איז נאך אלץ שייך די קפידא.

### ג

### שאלה: אויב איינע פון דריי זאכן האבן גענעכטיגט איבער נאכט, קען העלפן מען זאל עס אפוואשן דריי מאל, אזוי ווי מען וואשט נעגל וואסער און דאס וועט אראפ נעמען די רוח רעה?

**תשובה:** דער מלבי"ם פרעגט אין זיין ספר ארצות החיים (סימן ד'), די גמרא זאגט אז עס גייט ארויף א רוח רע אויף די דריי געשיילטע זאכן וואס זיי נעכטיגן איבער די נאכט, און ווער עס עסט עס איז דמו בראשו, עס איז דאך דא א עצה מען זאל זיי אפוואשן דריי מאל אזוי ווי ביי נעגל וואסער, און דאס וועט אראפנעמען די רוח רעה, ענטפערט ער אז מען קען נישט פארגלייכן איין רוח רע צו א אנדערע רוח רע, דעריבער העלפט נישט אפצוואשן די דריי זאכן אויב זיי האבן גענעכטיגט.

### ד

### שאלה: וואס מיינט אז עס האט גענעכטיגט איבער די נאכט, מיינט דאס די גאנצע נאכט, אדער אפילו נאר א טייל פון די נאכט?

**תשובה:** טייל פוסקים האלטן אז די קפידא איז נאר אויב ס'האט איבער גענעכטיגט די גאנצע נאכט, דאס מיינט פון צאת הכוכבים ביז צום עלות השחר (כן משמע מלשון הגמרא שעבר עליהם הלילה).

און טייל פוסקים האלטן אז די עיקר קפידא איז אז עס זאל נישט זיין אפגעשיילט און די צייט פון די עלות השחר, ווייל די רוח רעה גייט ארויף ביים סוף פון די נאכט, (כמו שמצאנו בשו"ע אורח חיים סימן ד' לגבי רוח רעה השורה על הידים בלילה), און לויט דעם דארף מען אכטונג געבן נישט צו שיילן אייער צוויבל און קנאבל אין די צייט פון סוף נאכט, אויב עס וועט בלייבן אפגעשיילט ביים עלות השחר.

און אזוי איז באוואוסט אז הרה"צ ר' יעקב לנדא זצ"ל אב"ד בני ברק האט מקפיד געווען אז אין די בעקערייען וואס איז געווען אונטער זיין השגחה, אז מען זאל נישט לאזן געשיילטע אייער בשעת עלות השחר, אזוי אויך זאל מען נישט שיילן אייער ביים עלות השחר.

במקום צורך קען מען מקיל זיין בדיעבד אויב עס איז נישט געווען געשיילט די גאנצע נאכט, דאס מיינט פון צאת הכוכבים ביז צום עלות השחר.

### ה

### שאלה: וואס איז די הלכה אויב איינע פון די דריי זאכן האבן גענעכטיגט אן קיין שאלאכטץ, מעג מען דאס עסן בדיעבד, אדער דארף מען דאס אוועק ווארפן?

**תשובה:** טייל פוסקים האלטן אז אפילו בדיעבד קען מען נישט מקיל זיין, וויבאלד די גמרא זאגט אז דער וואס עסט דאס "הרי זה מתחייב בנפשו, ודמו בראשו", זעט מען אז אפילו בדיעבד ווען עס איז שוין דורך די

נאכט איז א סכנה דאס צו עסן (שיורי ברכה להחיד"א יו"ד סימן קט"ז אות י', בית שלמה יו"ד סי' קפ"ט).

און טייל פוסקים זענען מקיל בדיעבד, און זייער טענה איז, אז מען זעט אז די ראשונים האבן דאס בכלל נישט געברענגט, נישט דער רי"ף און דער רמב"ם און דער טור, אויך ווערט דאס נישט דערמאנט אין שלחן ערוך, נישט אין מחבר און נישט אין רמ"א, מוז זיין אז זיי האבן געהאלטן אז די רוח רע איז בטל געווארן אין אונזערע צייטן (יד מאיר סי' י"ט, ועיין קרן לדוד או"ח סימן א').

להלכה האבן די פוסקים אנגענומען מחמיר צו זיין, וויבאלד חמירא סכנתא מאיסורא, און אויב ס'מאכט זיך אזא מעשה און עס איז א צורך גדול, זאל מען פרעגן א שאלה (שו"ת מנחת יצחק ח"ב סימן ס"ח אות י"ג, וכתב שהמיקל יש לו על מי לסמוך).

### ו

## שאלה: מעג מען נוצן איינע פון די דריי זאכן וואס האבן געניכטיגט אן קיין שאלאכטץ לצורך מצוה אדער לצורך סעודת שבת, למשל מען האט אפגעשיילט די אייער פאר די איי מיט צוויבל, און דאס האט געניכטיגט, צי מעג מען מאכן דערמיט איי מיט צוויבל?

**תשובה:** עס איז א קלער אין די פוסקים צי ס'איז שייך די קפידא אויך ווען מען וויל עס נוצן לצורך מצוה, למשל, שבת פאר די איי מיט צוויבל, אדער פאר ערב יום טוב פאר א עירוב תבשילין, א.ד.ג., עס זענען דא וואס זענען דאס מתיר, וויבאלד עס שטייט "שומר מצוה לא ידע דבר רע", און טייל פוסקים זענען מחמיר (שלחן חי סימן ב' אות ו').

דעריבער אויב מען קען האבן אנדערע אייער זאל מען נישט נעמען די אייער, אבער אויב מען קען נישט האבן אנדערע אייער, און עס איז א שטארקע צורך, קען מען זיך פארלאזן בשעת הדחק אויף די מתירים.

אזוי אויך בדיעבד אויב מען דערמאנט זיך אין יום טוב, אז מען האט געמאכט די עירוב תבשילין מיט א איי וואס האט איבער געניכטיגט אן קיין שאלאכטץ, מעג מען קאכן פון יום טוב אויף שבת.

### ז

## שאלה: אויב זיי זענען נישט געווען אינגאנצן אפגעשיילט, נאר עס איז געבליבן אביסל שאלאכטץ, איז אויך דא די קפידא?

**תשובה:** די גמרא זאגט דארט, אז די סכנה איז נאר ווען עס איז אינגאנצן אפגעשיילט, אבער אויב עס איז געבליבן אפילו נאר אביסל פון די שאלאכטץ, אדער אביסל פון די ווארצלען, אדער פון די קאפ, (וואס איז מחובר צו די קנאבל אדער צוויבל), איז נישט שייך די סכנה (יעב"ץ נדה דף י"ז, שו"ע הרב ס"ז).



# באור התפילה

נכתב ע"י ועד מורא מקדש דקהל אור החיים דטאהש

## מלאכים שרייבן אפ וואס מ'שמועסט אין ביהמ"ד

דער גאון און צדיק ר' שלמה זלמן פויזנער זצ"ל האט במשך א לענגערע תקופה זיך צוריקגעהאלטן פון גיין דאווענען בציבור אין ביהמ"ד, ווען דער פויזנער רב, דער באוואוסטער גאון רבי נפתלי כ"ץ זצ"ל בעל סמיכות חכמים האט זיך דערוויסט דערפון האט ער אים שטארק אויסגע'מוסר'ט און אים געבעטן ער זאל קומען דאווענען אין שול.

אויפצומארגנס איז ר' שלמה זלמן זצ"ל טאקע געקומען אין שול און ער האט זיך געשטעלט אונטער'ן רב, ווען מ'האט געהאלטן ביי ברכת יוצר אור, האט ער אנגעכאפט דעם רב'ס טלית, און ווען דער רב האט זיך אויסגעדרייט האט ער אים געוויזן צום באלעמער "ווי ס'שטייען מלאכים וואס שרייבן אפ אלעס וואס מען שמועסט אין ביהמ"ד". נאכ'ן דאווענען האט דער רב איבערגעבעטן רבי שלמה זלמן און אים מער נישט געבעטן צו קומען דאווענען אין שול.

*

## גדול עונו מנשוא

אמאל האט דער מהר"ם א"ש געזען ווי איינער פון זיינע תלמידים האבן גערעדט ביי חזרת הש"ץ, יענעם גאנצן טאג האט ער אים גערופן מיט'ן טיטל "גדול". מ'האט נישט פארשטאנען פארוואס האט דער בחור זיך פארדינט אזא טיטל, און ווען מ'האט געפרעגט דעם גאון דערוועגן, האט ער געזאגט "עס שטייט דאך אז ווער עס רעדט ביי חזרת הש"ץ איז "גדול" עונו מנשוא.

## קומט אויס:

א איי וואס האט זיך צובראכן אדער באקומען א שפאלט, און עס האט אזוי איבער גענעכטיגט, מעג מען דאס עסן, וויבאלד עס איז געבליבן מיט שאלאכטץ (ואף אם יצא מעט מן הביצה חוץ לקליפה לא נאסר).

אויב עס איז געבליבן נאר פון די דינע שאלאכטץ פון די איי, ווערט דאס גערעכנט אזוי ווי עס איז אינגאנצן אפגעשיילט, און מען טאר דאס נישט עסן.

און ביי צוויבל איז די קפידא נאר ווען עס איז אפגעשיילט אלע שיכטן שאלאכטץ, אבער אויב עס איז געבליבן אפילו נאר איין שיכט שאלאכטץ, וואס דאס איז נישט ראוי צום עסן, מעג מען דאס עסן.

אזוי אויך ביי קנאבל, אויב מען האט אפגעשיילט נאר די אויסענווייניגסטע שאלאכטץ וואס נעמט ארום אלע ציינדלעך פון די קנאבל, און מען האט איבער געלאזט אביסל שאלאכטץ אויף די ציינדל פון קנאבל, מעג מען עס עסן.

המשך בשבוע הבא



המשך מאמר בענין:

# הדלקת נר חנוכה בזמנינו בפנים או בחוץ

אכן, הרבה מגדולי פוסקי בני ליטא בדור אחרון יצאו נגד דבריו, ואחד מהם אף התבטא ואמר, כי כבר ידוע היה לו זה כמה כי החסידים יודעים להסביר את הנהגתם כראוי, אך לומר כי אדרבה הם עושים כמקור ההלכה ואילו האחרים אינם יוצאים ידי חובה, זה הוא דבר חידוש שלא ידע כי ישנו כדבר הזה.

## מנהג גדולי החסידות

אך למעשה, המנחת יצחק (ח"ו סי' ס"ו) והשבט הלוי (ח"ז סי' פ"ד) הצדיקו את המנהג להדליק בפנים, וביקשו דרכי היתר שונים לדבר, וכן הוא מנהג כל גדולי החסידות, ובפרט מנהג האדמו"רים המדליקים בבתי המדרשות, אשר כלפיהם יש למצוא טעם נוסף להתיר, והוא כי בהדליקם בתוך בתי המדרשות יכולים להיות נוכחים בהדלקתם קהל רב והוא פרסום הנס יותר מאשר אם היו מדליקים מחוץ לביתם, שלא היה הדבר שייך שיבואו שם קהל רב לחזות בהדלקת הנרות, ועל כן יתכן שהוא הידור בהדלקת נרות חנוכה.

כן הובא על אחד מגדולי הדורות שהיה בירושלים אחד שעלה מחוץ לארץ, הדליק בפעם הראשונה בחוץ, אך אחר כך אמר, ס'צינד זיך נישט, וחזר להדליק בפנים, כאומר שאין משמעות בעיניו לצורת הדלקה בו ברשות הרבים.

כך גם מצאנו בספרי החסידות, כבספר הקדוש בני יששכר (מאמרי חודשי כסלו טבת מאמר ג' אות ל"ט) ועוד, ביאורים רבים על פי דרכי החסידות מדוע יש להדליק בפנים ולא בחוץ, אך מעיקר ההלכה דעת רוב האחרונים, כי אף שקיום המצוה אמור להיות בחוץ, מכל מקום נהגו משך מאות שנים מימי הראשונים להדליק בפנים, אף כשלא היה חשש סכנה בדבר.

## עיקר הדין בתקופת הגמרא אם יוצאים ידי חובה בהדלקה בפנים

אחר כל זאת, יש לברר מה היה עיקר הדין בתקופת הגמרא, לפני שהיה שעת הסכנה, האם היה החיוב לצאת ידי חובה

# מעדני התורה

לברר וללבן נושאים וענינים שונים כדרכה של תורה
מתוך השיעורים שנאמרו ע"י הרה"ג ר' **אהרן קאהן** שליט"א

רק בהדלקה בחוץ, או שמא אין זה רק מעלה והידור במצות ההדלקה, אך אין מדובר בדבר שהוא לעיכובא.

בזה יש להדגיש, כי אף אם נמצא מקורות בדברי הראשונים כי בזמן הגמרא קודם שעת הסכנה היה ההדלקה בפנים לעיכובא, מכל מקום אין בכך הכרעה על צורת ההדלקה בימינו אחר שכבר נשתנו הדינים מחמת שעת הסכנה, ועל כן אין בזה אלא בירור לידע את שיטות הראשונים שאחזו כי אף לפני שעת הסכנה היו יוצאים ידי חובה בהדלקה בפנים, מה שמביא סניף גדול לסמוך להדליק בזמנינו אחר שעת הסכנה בפנים, בתוספת הסברות שהזכרנו זה מכבר להמשיך בקיום התקנה אחר שעת הסכנה גם כן.

## ההוכחה מלשון 'מצוה' שאינו אלא למצוה מן המובחר ולא לעיכובא

הגאון רבי אברהם ארלנגר זצ"ל מראשי ישיבת קול תורה בספרו ברכת אברהם (שבת כא: בענין מקום הדלקת נרות חנוכה אות ג'), כתב לחקור בלשון הגמרא שאמרו 'מצוה להניחה על פתח ביתו מבחוץ', כי הרי לענין זמן ההדלקה אמרו 'מצותה משתשקע החמה עד שתכלה רגל מן השוק', ואילו כאן לא הזכירו לשון זה 'מצותה להניחה על פתח ביתו מבחוץ' אלא שם 'מצוה' בעלמא.

מכח דיוק הלשון ביקש להוכיח, כי בשונה מזמן ההדלקה שהוא לעיכובא, הרי שמקום ההדלקה אינו אלא תוספות הידור וכעין מצוה מן המובחר להדליקו על פתח ביתו מבחוץ, אך אינו לעיכובא בעיקר קיום מצות ההדלקה.

כדבריו יש להוכיח מלשון הגמרא (שבת כא:) 'נר חנוכה מצוה להניחה בתוך עשרה', והרי בזה ברור שאינו לעיכובא, כי גמרא ערוכה היא (שבת כב.) שנר חנוכה שהדליקה למעלה מעשרים אמה פסולה, אבל עד עשרים אמה כשרה, ועל כן בהכרח שאינו אלא למצוה מן המובחר.

כך מוכח גם מדברי הבית יוסף (יו"ד סי' רפ"ט) שכתב: "נראה שטעמו משום דבכל הני אמרינן לישנא דמצוה מצוה להניחה בתוך חללו של פתח מצוה להניחה בטפח הסמוך לרשות הרבים מצוה להניחה בתחלת שליש העליון ומשמע ליה ז"ל דהיינו לומר דמצוה הכי ואם שינה לא פסל וכן בהניחה אחורי הדלת שאמרו אין בה מצוה היינו לומר דלא קיים מצוה מן המובחר אבל מכל מקום כשרה היא דאם לא כן ה"ל למיתני פסולה", הרי כי לשון מצוה אינו לעיכובא.

## הוכחות בדברי הראשונים כי בזמן הגמרא קודם הסכנה היו יוצאים ידי חובה בהדלקה בפנים

הוכחה מפורשת הביאו מדברי הריטב"א (שבת כא: בד"ה דאי לא) על דברי הגמרא 'מצותה משתשקע החמה עד שתכלה רגל מן השוק, דאי לא לא מדליק': "וכתב הרב בעל התרומות ז"ל דהני מילי לדידהו שהיו מדליקין חוץ לפתח ואין היכר לבני רשות הרבים יותר, אבל אנן דמדליקינן בפנים ואין היכר אלא לבני הבית, יכול להדליק כל הלילה ועד עמוד השחר, ולפי פירוש זה יש לפרש דה"ק דאי לא אדליק מדליק בחוץ עד ההיא שעתא, אבל בתר הכין אינו מדליק אלא בפנים, דלדידהו נמי ודאי משום דלא מצי למעבד היכירא לרשות הרבים לא נפטר מלעשות היכירא לו ולבני ביתו דהא לקמן אמרינן דבשעת הסכנה מדליקה על שולחנו ודיו", הרי שכתב הריטב"א כי אף את דברי הגמרא יש לפרש בענין הזה, שאם לא הדליק עד לסוף הזמן, יש לו להדליק בפנים משום בני ביתו, הרי שיוצא בזה ידי חובה.

עוד הוכיחו בזה מדברי הרשב"א (שבת כא: בד"ה והלכתא כמאן) שכתב על דברי הגמ' (שבת כג:) נר ביתו ונר חנוכה נר ביתו עדיף, ולכאורה הרי יכול לקיים את שניהם יחד על ידי שידליק נר אחד עבור שניהם ויצא ידי חובת שניהם, הרי להדיא בדברי הרשב"א כי אף לפי שעת הסכנה יכול להדליק בפנים ויוצא בה ידי חובת הדלקת נרות חנוכה, כי הרי נר שבת צריכים להדליק בתוך הבית.

המשך בשבוע הבא אי"ה

# הזמנה פרטית

מאת כ"ק מרן
אדמו"ר עט"ר שליט"א

בעזהשי"ת, קרית טאהש יצ"ו

שנת בגלל אבות תושי"ע בנים לפ"ק

עוד ישמע בערי יהודה
ובחוצות ירושלים

## למזל טוב

קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה

קול אומרים הודו את ה' צבאות

הריעו לה' תלמידי וחסידי רבינו הקדוש זכותו יגן עלינו זצוקללה"ה
חסדיו יתברך שמו גבר עלינו וקול השמחה באהלינו נשמע
תעלה תחנוננו כאשר האבות הקדושים באים אלינו מגן עדנ
נישואין בשעה טובה ומוצלחת בבית בני היקר הקרובה אל לבי
א' בן גילה החתן המופלג מגזע היחס זרעא קדישא
לה' נשפוך שיח בתפלה שיזכו לבנות בית נאמן ופרדם
יתברכו בכל הברכות והשפעות לרוב כל המשתתפים בשמחתי
מטל השמים ומשמני הארץ יקחו משמחתן של ישראל
לבנים יזכור זכות אבות בזכותו הגדול של הצדיק
כן יעזרנו ה' לעלות לציון בראש שמחתינו בהאי שעתא

אודה לה' בכל לבב בסוד ישרים ועדה
שהחינו וקימנו והגיענו לראות ולשמוח בכלולת

הכלה הבתולה המהוללה

**מרת העניא סילקא תחי'**

ב"ח של בני חביבי הרה"צ רבי אברהם יהודה סג"ל שליט"א

עב"ג

הבחור החתן המופלג בתוי"ש

**הרב אלימלך שליט"א**

בן הרה"צ פאמ"ק רבי יהושע יששכר בעריש לאנדא שליט"א אב"ד בית ישעי' קערעסטיר
בן הגה"צ אבדק"ק עדעלין קערעסטיר שליט"א - וחתן ש"ב כ"ק אדמו"ר מזוטשקא קאראקאס שליט"א

והנני בזה להזמין את אחי ורעי אנ"ש שיחיו לשוש אתנו משוש ולקחת חבל ביום שמחתינו
שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

**ביום רביעי לסדר "ומלכים מחלציך יצאו" (וישלח) הבעל"ט**

אול"י י"ד כסליו שנת ישוע"ת ישראל לפ"ק

קבלת פנים אי"ה בשעה 5:30
והחופה אי"ה בשעה 6:30

**בקרית טאהש יצ"ו**

ואי"ה ביום שמחתכם ומועדיכם ישמח לבי גם אני בל"נ

ובזכות אבוה"ק זצוקללה"ה יעזור השי"ת שיושפע משמחתינו שפע רב
ורב ברכות וישועות לנו ולכל ישראל ובא לציון גואל בב"א

**אלימלך סג"ל לאווי**
אבדק"ק טאהש יצ"ו





המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **ישראל דוד ווייס** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע

**דעם קומענדיגן פרייטאג ויצא, ח' כסליו הבעל"ט געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגער רבי אהרן מ'טשערנאביל, הרה"ק רבי אהרן בן רבי מרדכי זי"ע.**

## ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי אהרן מ'טשערנאביל זי"ע איז געבוירן אין יאר תקמ"ד לפ"ק.

רבי אהרן מ'טשערנאביל איז אויפגעצויגן געווארן ביי זיין הייליגער זיידע רבי נחום מטשערנאביל זי"ע – בעמח"ס מאור עינים. ער האט נאך זוכה געווען אז זיין הייליגער זיידע זאל אים לייגן תפילין ביי זיין בר מצוה.

רבי אהרן מטשערנאביל איז געווען דער גבאי צדקה פון די מעות עניי ארץ ישראל.

ער איז נפטר געווארן אום ח' כסליו אין יאר תרל"ב, ומקום מנוחת כבוד איז אין שטאט טשערנאביל, סמוך ונראה צום ציון הק' פון זיין הייליגער זיידע דעם מאור עינים.

## אהרן עומד ומשמש

רבי אהרן מ'טשערנאביל איז געווען דער בכור פון די אכט הייליגע ברודער וואס ער האט פארמאגט.

רביה"ק זי"ע דערציילט (עבודת עבודה שיח"ק ח"ב מה) אז זיין טאטע, רבי מרדכי מטשערנאביל האט אמאל געזאגט, "איך פארמאג אכט הייליגע זוהן, זיבן דערפון זענען אנטקעגן די זיבן ליכט פונעם מנורה אין בית המקדש. און "אהרן" ער איז דער וואס איז עומד ומדליק את שבעת הנרות".

## ווי גייט מען אויס פאר דיין ליבן הייליגן נאמען

דער הייליגער רבי ישכר דוב מ'בעלזא זי"ע וועלכער איז געווען אן איידעם ביי א זוהן פון רבי אהרן מטשערנאביל (רבי זושא), האט פארציילט, אז אמאל זיצענדיג ביי שלש סעודות, האט ער געהערט ווי רבי אהרן מ'טשערנאביל זאגט איבער נאכאמאל און נאכאמאל, איבער אכציג מאל בלי גוזמא, די ווערטער "ווי גייט מען אויס פאר דיין ליבן הייליגן נאמען".

## וויאזוי ער האט דאס געזאגט, קען איך נישט!

ווען רבי ישכר דוב מ'בעלזא זי"ע פלעגט איבערזאגן סיי וועלכער מאמר פון רבי אהרן מ'טשערנאביל, פלעגט ער בעפאר דעם זאגן "איך זאג נאר וואס ער האט געזאגט, אבער וויאזוי ער האט דאס געזאגט, דאס קען איך נישט זאגן".

*

## דער ראש ישיבה פון עולם העליון (ח"א)

אין א ווייטן דערפל פון טשערנאביל האט געוואוינט א איד וועלכער פלעגט זיך שטענדיג מייגע זיין אויף די הייליגע תורה, און פלעגט נישט אויסלאזן קיין סוגיות הש"ס אן פארשטיין דעם פשט.

האט זיך אמאל געמאכט אז פאר דעם איד איז שווער געווארן אן תוספות, און האט נישט געקענט טרעפן קיין שום פשט אז דער תוספות זאל שטימען. ער איז געזיצן אויף דעם תוספות א לאנגע צייט, בייטאג און ביינאכט, דער איד איז געווען פארטיפט אין דעם תוספות, און עס האט אים נישט געלאזט במנוחה.

אין טאג זייענדיג איבערגעבויגן איבער די גמרא, פארטיפט אויף דעם תוספות, איז דער איד פלוצלונג איינגעשלאפן, און אט חלומ'ט ער זיך ווי ער געפינט זיך שוין אויף יענעם וועלט, ווען ער הערט ווי מ'רופט אויס "מאכטס פלאץ, דער ראש ישיבה רבי אהרן טשערנאבילער קומט אצינד אן אין גן עדן".

עס איז דארט געווארן א ריזן טומל, אלע

מעומק הלב פנימה, וברגשי גיל חדוה ושמחה, כסא דברכתא נרימה, בקול צהלה נעימה, בברכת מזלא טבא לחברינו היקרים, בקרב לבינו צמודים וקשורים, נודע בשערים במדותיהם הישרים, פאר המעלות ונועם המידות, ה"ה:

**החתן המופלג בתוי"ש ובחסידות כמר יעקב אלימלך קרויס הי"ו**
**בן מוה"ר ישראל מרדכי הי"ו**
**לרגל שמחת אירוסיו למז"ט ובשעטו"מ**
**עב"ג בת מוה"ר אהרן (כרד"מ) קרויס הי"ו**

**ולהחתן המופלג בתוי"ש ובחסידות כמר אשר ענזיל געלב הי"ו**
**בן הר"ר יעקב שליט"א**
**לרגל שמחת אירוסיו למז"ט ובשעטו"מ**
**עב"ג בת מוה"ר ישעי' וויינבערגער הי"ו**

ברכותינו צרופות שתזכו להעמיד בית נאמן בישראל, ע"ד המסורה לנו מרביה"ק זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א, והבית בהבנותו יהיו מלא ברכת ה' על כל גדותיו, מתוך רב נחת והרחבת הדעת אושר ועושר, דורות ישרים ומבורכים, עדי נזכה לביאת משיח צדקינו ומלכנו בראשינו בב"א

המברכים בכל לב חבריך בישיבה של רבי:
**אברהם דוד צבי אסטרייכער, אברהם בראדי, אברהם דוב גוטמאן, שמשון גוטמאן, אהרן ארי' גינזבערג, יעקב מאיר האלפערין, שמעון כהנא, שלום לאבין, יעקב סג"ל לאווען, דוד לאנדאוי, חיים נחום מערמעלשטיין, אברהם זיידא פויגעל, חיים אלעזר פעלבערבוים, אלימלך אלי' קרויס, אשר ענזיל ב"ר יהוסף אלקנה סג"ל קרויס, אשר ענזיל ב"ר אלי' סג"ל קרויס, אשר ענזיל ב"ר אלימלך סג"ל קרויס, יוסף שפיטצער.**

וועלכע האבן געהאט קשיות צו פרעגן זענען זיך באלד צוזאמגעלאפן, און געפרעגט דעם רבי אהרן מ'טשארנאביל. אויך דער איד – וועלכע חלומ'ט זיך אז ער איז בעולם העליון – איז צוגעגאנגען צו רבי אהרן און אים פארגעלייגט זיין קשיא אינעם תוספות וואס דריקט אים שוין פאר א לאנגע צייט.

רבי אהרן האט אים תיכף געענטפערט דעם קשיא בטוב טעם ודעת, אז פאר דער איד איז אויפגעלאכט געווארן די אויגן פונעם קלארן ריכטיגן פשט וואס רבי אהרן האט אים דאן געזאגט.

ווען דער איד האט זיך אויפגעכאפט האט ער נאך גוט געדענקט דעם פשט, און האט אנגעהויבן צוריקטראכטן דעם גאנצן חלום וואס ער האט געהאט.

וואוינענדיג זייער ווייט פון טשערנאביל האט ער נישט געוויסט צו זאגן פונעם הייליגער רבי אהרן מ'טשערנאביל, און האט זיך פארגעשטעלט אז דער צדיק רבי אהרן מ'טשערנאביל איז עפעס א פריערדיגע צדיק וואס האט געלעבט מיט הונדערטער יארן פריער, און האט זיך געפריידט מיטן ריכטיגן פשט אין תוספות, און זיך צוריק געזעצט צום גמרא לערנען ווייטער.

## נו, דו פארשטייסט שוין דעם תוספות?

עס זענען פארלאפן עטליכע יארן, און אמאל פארענדיג אויפ'ן באן האט ער זיך אנגעטראפן מיט א איד פון א ווייטע שטעטל. בתוך הדברים האט ער א פרעג געטוהן פונעם איד, צו ער האט אמאל געהערט פונעם שטעטל טשערנאביל, און פונעם הייליגער צדיק רבי אהרן מ'טשערנאביל. דער איד האט אים באלד אנטפלעקט, אז דער הייליגער רבי אהרן מ'טשערנאביל לעבט, און איז א רבי פון טויזענטער חסידים אין שטאט טשערנאביל.

פון דעם מינוט וואס ער איז געוואר-געווארן אז דער הייליגער רבי אהרן מ'טשערנאביל לעבט אויף דער וועלט, האט ער באקומען א שטארקע התשוקות צו זעהן דעם טשערנאבילער צדיק.

דער איד האט זיך קובע געווען א זמן ווען ער וועט אונטערנעמען דעם לאנגן רייזע קיין טשערנאביל, אבער בעפאר דעם האט ער זיך מקדש געווען און מטהר געווען עטליכע וואכן, א קלייניגקייט, מ'וועט זיך טרעפן מיט'ן הייליגער צדיק, וועלכע ווערט פארערכענט ווי דער ראש ישיבה פון עולם העליון.

נאך א לענגערע תקופה זיך גרייטן, איז ער אנגעקומען קיין טשערנאביל, אבער דער איד האט זיך נישט געפילט ראוי אריינצוגיין בקודש פנימה פונעם הייליגער טשערנאבילער, דעריבער האט ער זיך אריינגעזעצט אין בית המדרש, און פאר עטליכע וואכן געלערנט בהתמדה גדולה, און דאן האט ער זיך געטרויעט אריינצוגיין צום הייליגער רבי אהרן מ'טשערנאבילער.

אנגעקומענדיג אין צימער פון רבי אהרן טשערנאבילער, האבן זיך זיינע אלע ביינער געווארפן פאר גרויס שרעק, און ער האט תיכף דערקענט דעם הייליגער צורה וואס ער האט געזעהן אין חלום זייענדיג אין גן עדן. רבי אהרן מ'טשערנאבילער האט אויפגענומען דעם איד מיט א ליבליכער שמייכל, און אים געפרעגט: "נו, דו פארשטייסט שוין דעם תוספות?..."

ווען דער איד האט געהערט דעם טשערנאבילער'ס שאלה איז ער תיכף געפאלן אין חלשות. ווען מען האט אים דערמינטערט האט ער דערציילט פאר די ערשטוינטע ארומיגע די גאנצע מעשה וויאזוי און פארוואס ער איז אנגעקומען קיין טשערנאביל.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ב' כסלו | הרה"ק רבי משולם פייוויש בן רבי אהרן משה זי"ע - מ'זבאריז - יושר דברי אמת | תקנ"ה |
| ה' כסלו | הרה"ק רבי אשר אנשיל בן רבי שמואל הלוי זי"ע - טשענגער - מנוחת אשר | תרל"ד |
| ח' כסלו | הרה"ק רבי אהרן בן רבי מרדכי זי"ע - מ'טשערנאביל | תרל"ב |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ג' כסלו | הרב ר' שם טוב בן ר' יוסף מאיר ע"ה מאיער<br>מחותנו של רביה"ק זי"ע | תשנ"ה | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ד' כסלו | מוה"ר ר' שמואל אלקנה בן ר' ארי' ע"ה ראטענבערג<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשס"ו | ביה"ח בניו דזערסי |
| ה' כסלו | הרב החסיד ר' שמואל דוב בן ר' שלמה יעקב ע"ה זילבער | תש"פ | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ה' כסלו | האשה החשובה מרת אלטא פרומט בת ר' יוסף פנחס ע"ה סטרולאוויטש<br>אשת הרה"ח ר' משה ע"ה | תש"פ | ביה"ח בקרית יואל |
| ו' כסלו | הרב החסיד ר' שלמה בן ר' שמואל אליעזר ע"ה ראזענצווייג<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשס"ה | ביה"ח בקרית יואל |

בס"ד

# פאראייניג
# הערצ

איחוד פאר מיר א גאנץ יאר

## איך פאר איחוד היינט!

און אז ס'דא
הארץ איז
דא אלעס

רוחניות. גשמיות. אחדות

NUAH 845.513.0001

כסלו תשפ"ו

# לב אחד

מעמבערשיפ דרייוו

איחוד

פאראייניגט. פארבינדן. פארשטערקערס.

חיזוק. | תורה. | חסידות.

און וואס נישט?...

## וימצאו שם באר מים חיים

א איד איז אמאל אריינגעקומען צום הייליג'ן עטרת צבי זי"ע זיך שואל עצה זיין, אז ער האט יעצט א געלעגנהייט צו קויפן א קרעטשמע פונעם פריץ וואס דאס איז אויף זייער א גוטע פלאץ, עס שטייט ביים פרשת דרכים אנצוקומען צום גרויסן מארק, אבער היות עס איז נישט דא דארטן קיין קוועלער וואסער צו אנטרינקען די בהמות, וועגן דעם פארט קיינער נישט דורך דעם קרעטשמע, נאר מען גייט ארום א לאנגע וועג צו א צווייטע קרעטשמע וואס דארט איז יא דא א קוואל, האט אים דער עטרת צבי געזאגט אז ער זאל דאס קויפן און ער וועט בעז"ה מצליח זיין, נאר ווען ער קויפט עס זאל ער גראבן דארט א גרויסער גרוב פון אפאר אמות, און נאכדעם זאל ער צוריקקומען כדי צו הערן וואס ווייטער צו טון. דער איד איז טאקע געגאנגען און געדינגען דעם קרעטשמע פונעם פריץ פאר גאר א ביליגע פרייז, וויבאלד קיינער פלעגט נישט קומען אהין, און ער האט געגראבן א גרוב און צוריק געפארן קיין זידיטשוב כדי צו הערן וואס נאך ער האט צו טון.

# מאור התורה

ציצים ופרחים על ענייני הפרשה

האט אים דער עטרת צבי געזאגט אז ער זאל גראבן נאך אביסל, און ער זאל אפשרייבן אויף א פאפיר די פסוק "ויבואו עבדי יצחק ויגידו לו על אודות הבאר אשר חפרו ויאמרו לו מצאנו מים" און ער זאל דאס אריינלייגן דארט אינעם גרוב. דער איד האט אלעס געפאלגט פונקטליך, און ווי נאר ער האט אריינגעלייגט דעם צעטל אינעם גרוב איז די גאנצע גרוב געווארן אנגעפילט מיט וואסער, און פון דעמאלטס און ווייטער זענען אלע סוחרים געקומען צו דעם קרעטשמע כדי צו שעפן וואסער פאר די בהמות, און דער איד איז נתעשר געווארן.

די בעל הקרעטשמע פון די אנדערע קרעטשמע איז געווען א גוי, און ווען ער האט געזעהן אז קיינער קומט שוין נישט צו אים וויבאלד די אנדערע קרעטשמע האט באקומען א קוואל, האט ער מקנא געווען דעם איד און ער איז צוגעגאנגען צום פריץ טענה'נדיג אז דער איד האט אויסגענארט דעם פריץ און געדינגען די קרעטשמע פאר אזא ביליגע פרייז, זאגענדיג, איך בין גרייט עס צו דינגען פאר אסאך טייערער, און די פריץ האט אים עס טאקע פארדינגען און פארשיקט דעם איד פון דארט.

ווען דער איד האט געזעהן זיין ביטערע מצב, איז ער שנעל געלאפן צו הייליג'ן עטרת צבי און אים דערציילט וואס עס האט פאסירט, האט אים דער עטרת צבי געזאגט אז ער זאל שרייבן אויף א צווייטע פאפיר די פסוק "וכל הבארות אשר חפרו עבדי אביו בימי אברהם סתמום פלשתים וימלאום עפר" און ער זאל דאס אריינווארפן אינעם קוואל. ווי נאר דער איד האט אריינגעלייגט דעם פאפיר איז די קוואל געווארן אויסגעטריקנט פונקט ווי פארדעם, און פארשטייט זיך אז אלע סוחרים האבן אויפגעהערט אהינצוגיין, און די פרישע בעל הקרעטשמע האט נישט געקענט באצאלן די טייערע פרייז וואס ער האט זיך אונטערגענומען צו צאלן פאר'ן פריץ.

האט דער פריץ אריבערגערופן דעם איד און אים געזאגט אז ער וויל אים צוריקגעבן דעם קרעטשמע, וויבאלד ער זעהט אז נאר ווען ער פירט עס, דאן איז דא וואסער, האט אים דער איד געענטפערט אז ער קען עס נישט צוריקנעמען, ער מוז קודם פרעגן זיין רבי.

איז ער צוריק געפארן קיין זידיטשוב און דער עטרת צבי האט אים געזאגט, אז ער זאל עס צוריק אפדינגען נאר אויב ער קען עס צוריק באקומען פאר די זעלבע אלטע ביליגע פרייז, און ער זאל נעמען נאך א פאפיר און ארויפשרייבן אויף דעם די פסוק "ויחפור באר אחרת ולא רבו עליה ויקרא שמה רחובות ויאמר כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ", ווי פארשטענדליך איז דער טאקע צוריק נתעשר געווארן אזוי ווי פאר דעם.

*

אין די צייטן פונעם הייליג'ן רבי ר' אייזיק'ל זידיטשובער זי"ע האט מען געטראפן אסאך קוועלער פון נאפט אין די שטאט באריסלב, ווי עס האבן געוואוינט אסאך זידיטשובע'ר חסידים, און אסאך חסידים זענען דעמאלטס נתעשר געווארן פון דעם.

איינמאל פרשת תולדות, איז געקומען צו פארן אויף זידיטשוב א חסיד א מלמד א גרויסער ארימאן, מיט א גרויסע משפחה צו שפייזן און ער האט זיך קוים דערהאלטן מיט זיין ארימע שכר מלומדת.

ר' אייזיק'ל האט אים אויסגערופן צו די תורה, און צוגעוואונטשן זיין עלי' מיט די פסוק "ויחפרו עבדי יצחק בנחל וימצאו שם באר מים חיים". ווען דער איד איז צוריק אהיים געפארן האט ער געשמעקט פון זיין הויף א שטארקע שמעק פון נאפט, און מען האט דארט אויפגעגראבן און געטראפן א גרויסע קוואל פון נאפט, און דער איד איז נתעשר געווארן.



# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מר"ץ

## המשך הלכות תפילין

**אנדערע האלטן אז מ'זאל נישט ארויפדרייען די רצועה, נישט אויפן מעברתא, און נישט תיתורא, ווייל די קדושה פון די תפילין איז גרעסער פון די רצועות[1]. ודעביד כמר עביד.**

**ס'דא עטליכע מנהגים וויאזוי די כריכות ווערן גערעכנט און געלייגט נאכן הידוק. ס'דא וואס פירן זיך צו מאכן אויף די קיבורת נאך איין כריכה. ס'דא וואס מאכן דריי כריכות די צורה פון א שין[2], אדער צוויי שינין. ס'דא וואס מאכן בכלל נישט קיין כריכה אויפן קיבורת[3].**

**וויבאלד ביי א בחור וואס איז נאכנישט הויך געוואקסן, קען אויסקומען, אז ווען מ'מאכט עטליכע כריכות, וועט די רצועה זיין אונטער די תפילין וואס איז לכתחילה א חציצה[4], זאלן זיי אכטונג געבן דערויף (אדער ווארטן ביז מ'ווערט גרעסער).**

**נאכן הידוק אויפן של יד, מאכט מען כריכות (מ'דרייט די רצועות), אויף די זרוע (די מיטלסטע חלק פון די האנט, צווישן די עלנבויגן און האנט פלאך)[5].**

**די אנגענומענע מנהג איז צו מאכן 7 גאנצע, און צוויי האלבע[6]. ס'דא וואס פירן זיך צו מאכן 6 גאנצע כריכות, און צוויי האלבע צוזאמען איז אכט[7]. (צוויי האלבע מיינט; די האלבע וואס קומט פון די קיבורת, און די האלבע וואס גייט צו די כף היד).**

**בשעת די כריכות האט שינאווא רב זי"ע געזאגט אז מ'ציילט דורך אינזין האבן די פסוק 'ואתם הדבקים בה' אלוקיכם חיים כולכם היום', יעדע כריכה א אנדערע ווארט[8]. (א ווארט ביי יעדע 'גאנצע' כריכה)[9].**

**ס'דא וואס מאכן קודם דריי כריכות נאנט איינס צום צווייטן, אקעגן אברהם יצחק ויעקב, און דערנאך 4 כריכות נאנט, קעגן משה אהרן יוסף און דוד[10].**

**לכתחילה זאל מען אכטונג געבן אז די כריכות זאלן נישט זיין איינער אויפן צווייטן[11]. מ'זאל אכטונג געבן אז די ווייסע זייט (אפילו רצועות זענען שווארץ פון ביידע זייטן[12]) זאל נישט אויסקומען אינדרויסן[13].**

**דערנאך דרייט מען די גאנצע איבריגע (אדער עטליכע מאל), ארום די האנט פלאך, (אדער 'פאר' די האנט פלאך) עטליכע מאל, אז די כריכות זאלן זיך נישט עפענען[14].**

**ס'דא וואס שטופן אריין די עק פון די רצועה צוויי מאל אין די כריכות אויף די האנט פלאך[15]. (ס'דא וואס מאכן איינמאל א כריכה אויפן אצבע אמצעי[16]. די כריכות אויפן פינגער מאכט מען ערשט נאכן ענדיגן לייגן דעם של ראש[17]).**

---

1 רמ"א (סי' כז ס"ח) ובמג"א (סק"ד) 'רק יהא תלוי כעין של ראש', ובשועה"ר (סי"ג), ומ"ב (סקל"ב), ובערוה"ש (סי"ט).

2 באר היטב (סי' כז סקט"ו), פרמ"ג (א"א סקי"ג) בשם הכתבים 'יכרוך על הקיבורת ג"פ כצורת שי"ן'. וספר בעל שם טוב (פרשת ואתחנן אות פ"ד) מביא ש'הנחת תפילין של הרב המגיד מטריסק ז"ל גלוי לכל, שכשהובא לפניו נער בר מצוה לחנכו בהנחת תפילין, ציוה לעשות העניבה אשר בה נכנסת הרצועה של יד לצד חוץ, ולכרוך מצד פנים לצד חוץ, "למעלה ממרפקו שלשה כריכות", ועל הזרוע שמונה כריכות, כי כריכה ראשונה אינה במלואה ואינה נחשבת, כדרך שאין חושבין כריכה הראשונה אצל כריכת הציציות, ובכל פעם שהובא לפניו עלם כזה, אמר בזה הלשון, כך אני מניח, וכן הניח אבי, ואבי זקיני, וכן הניח הבעש"ט, וכן האר"י הקדוש ז"ל כמקובל בידם מפי אליהו הנביא זכור לטוב', וכ"כ באלף כתב (אות שכ"ח) שאמר הרה"ק רבי אהרן ליב מנדבורנא ז"ל על שלש דברים שאם היו ישראל עושים היו מקרבים הגאולה, ואחד מהם, לעשות ג' כריכות על הקיבורת. וכן הרה"ק מסאטמאר זי"ע הי' נוהג לעשות שי"ן, ובדרך כלל גם עשה כן לבחורי הבר מצוה שבאו אצלו להניח תפילין, ויש שאמר להם דייקא לא לעשות שי"ן. ובבית נאמן בישראל (עמ' עח) הסביר שלבחורים שידם קצרה מהכיל, הי' מצוה שימתינו עד שיגדילו.

ועי' בפתח"ת (יו"ד סי' רעו סקי"ז) 'כתב אחד מאותיות השם ונעשה לפרוק ולסדר מותר לפרוק, ואין בזה משום מוחק דלפירוק קיימא, ועפ"ז נהגו היתר המניחין תפילין ועושין על היד כדמות אותיות שד" י ואח"כ מסלקין מעל היד, והכל בהיתר אחד, ואני נוהג למנוע בכל זה'. ועי' בזה בליקוטי מהרי"ח שאין בזה חשש מחיקת השם. ובליקוטי מהרי"ח (ח"א דף יח) מביא מנהגים בזה.

3 כף החיים (סי' כה סקס"ז), בן איש חי (וירא סט"ו) 'לא יעשה כריכה בקיבורת'.

4 מ"ב (סי' כז סק"י, וסקי"ד).

5 שו"ע (סי' כז ס"ח). ובשועה"ר בסידורו (סכ"ד) 'ואח"כ עושין ז' כריכות על פרק הזרוע'. ופע"ח (שער התפילין פ"י): 'ואח"כ יכרוך בפרק האמצעי של הזרוע ז' כריכות'.

ועי' מ"ב (סקל"ח) בשם מאמר מרדכי: 'אם שמע קדיש וקדושה אחר שבירך על של יד, ואם יכרוך לא יהי' לו פנאי להניח של ראש ולענות, יניח של ראש קודם הכריכות, אם יכול להדק במקצת שלא ימיש התפילין של יד ממקומו', אכן קשה בדרך כלל להזדרז.

6 בן איש חי (וירא אות ט"ו) שבעינן ז' כריכות שלימות לבד משני החצאי כריכות. וכה"ח (סי' כ"ז סקי"ג וסקל"ה), אות חיים ושלום (סי' כז אות י) שכוונת המחבר ששה או שבע כריכות, היינו ששה, או ששה עם שני חצאים, שאז הוא ששה שלימים, ומסיק דיותר נכון דצריכין ז' שלימים מלבד החציין, ושוב ראה כן בפרע"ח בהגה מהחברים (שער תפילין פ"י), דחשיב שיכרך ט' כריכות על הזרוע, והיינו ע"כ ז' כריכות שלימים ועם הב' חצאים, וביחד הם ט'. וכן הוא בבעל שם טוב (ואתחנן אות פד שהבאנו הלשון לעיל). בית נאמן בישראל (עמ' פ).

7 מנהג הרה"ק זי"ע מסאטמאר לעשות ששה שלימין ועם הב' חצאין הוי שבעה, שביל החיים (עמ' כג), וכן מנהג באבוב, ותולדות אהרן (זכור לאברהם עמ' קפה) וכתבו בשם הרה"ק מתולדות אהרן שהגם שחפץ לעשות ז' כריכות שלימות כמבואר בספרי קבלה מ"מ אין ברצונו לשנות ממנהג אבותיו ורבותיו . (וע"ע ובשלחן הטהור (סי' כה ס"ח) 'יכרוך שבעה כריכות').

8 דברי יחזקאל (הלכות והליכות עמ' שיג). וטעמי מנהגים (אות כג בשם של"ה 'כנגד ז' נערות הראויות לתת לה מבית המלך והם שבע שמות של מלאכים. ועוד 'רמז לשבע ברכות שעל ידיהם הכלה מזדווגת עם בעלה'. ועי' בערוה"ש (סי' כז סי"ט) 'ונוהגים העולם לכרוך שבעה כריכות על היד כנגד שבעה תיבות שבפסוק 'פותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון'.

9 כן נראה באפשר.

10 כן מובא בבית נאמן בישראל (עמ' פ), אר"ר (עמ' כח).

11 ובבית נאמן בישראל (עמ' פ) דאולי הטעם לצאת ידי דעת הפמ"ג (סי' כז מש"ז סק"ד) שלכתחילה יש ליזהר שלא יהי' דבר החוצץ גם בין הז' כריכות, ואף דבניד"ד הוי מין במינו, מ"מ יי"א דגם מין במינו חוצץ, כמ"ש במ"ב (סקי"ד) לגבי חציצת הרצועה להתיתורא דנכון להחמיר.

12 כף החיים (סי' כז סקנ"א): 'ואפילו הנוהגים להשחיר הרצועות מבפנים ומחוץ, צריך ליזהר שהצד החיצון המבהיק יהי' לעולם לצד חוץ'.

13 שו"ע (סי' כז סי"א) 'צריך שיהי' השחור שברצועות לצד חוץ, ולא יתהפכו בין בשל יד בין בשל ראש'. במ"ב (סקל"ח) 'אין להקפיד שלא יתהפכו אלא מה שמקיף את הראש ואת הקיבורת פעם אחד, אבל מה שכורך אח"כ א"צ להקפיד כלל שלא יתהפך, לפי שאינו מעיקר המצוה, ומ"מ משום נוי המצוה ראוי להפוך שיהי' השחור לצד חוץ אפילו במותר'. ובמחצה"ש (סקי"ז) 'עיקר הזהירות כי אם מה שמסבב הזרוע במקום ההידוק, וכן ג' כריכות שעל האצבע, אבל ז' כריכות שסביב הזרוע אין קפידא'.

14 עי' אפיקי מגינים (סקי"ד) ש'רק ז' כריכות הוי מהמצוה ולא יותר, והעולם אין נזהרים וכורכין עוד על פס ידם ואין נכון', ואין המנהג כדבריו.

15 שלחן הטהור (סי' כה ס"ח, ובסק"ה שם) 'יכרוך שבעה כריכות ויכרוך על היד ויתחוב שני תחיבות ואח"כ יקח של ראש מן הכיס', וכן בשו"ת תשובות והנהגות (ח"א סי' לח), לקט הקמח החדש (סי' כה אות עב) שהביא מהגה"ק רבי אהרן ישעיה מהאדעס זצ"ל שאחר שכורכין ז' כריכות צריך להכניס הרצועות בכריכות הכף ועי"ז הוי קשירה ממש, ולא כריכה שכורכין רק סביב הכף ב' או ג' פעמים. מנהג סקווירא.

16 לקוטי מאיר (סי' ב אות יב) 'בס' תפלה לדוד, ובסידור דעת קדושים להגאון הק' מבוטשאטש כתב לפי שנמצא דעת הקדמונים ז"ל (שיטת רבינו אליהו, בתוס' מנחות ל"ה ע"ב ד"ה משעת) שצריך לעשות הקשר של יד בכל יום כדי לקיים בכל יום וקשרתם וכו' קודם והיו לטוטפות, ובכדי לצאת ידי שניהם, תיכף כשיעשה הכריכות על הזרוע, יעשה תיכף [קודם הנחת תפילין של ראש] כריכה אחת על האצבע האמצעי, והוי כמו שני תכיפות בין האצבעות, והוי כקשר גמור, ואח"כ יניח של ראש, ואח"כ יתיר הכריכה מן האצבע, ויעשה השלשה כריכות כדינה', וכן בדרכי חיים ושלום (אות מ"ט) שנהג לכרוך כריכה אחת על פרק התחתון של אצבע האמצעי ואח"כ הניח של ראש. וראה בספר נזר הקודש (מנהגי ראפשיץ) שהגה"ק מהר"א מצאנז זצ"ל כרך רצועות של יד על אצבעו בטרם שהניח תפילין של ראש ואמר שכן מקובל מרבו הגה"ק משינאווא.

17 א"ר (סי' כ"ז סק"ח) בשם ראשית חכמה (שער הקדושה פ"ו אות פב) 'דאסור לכו"ע לכרוך הכריכות סביב אצבע קודם שהניח של ראש', (אכן עי' הערה הקודם).



בעזהשי"ת, קרית טאהש תע"א | שנת ת'הא ש'נת פ'ודה ו'מציל לפ"ק

נעלה את ירושלים | על ראש שמחתינו

בסימן טוב | ובמזל טוב

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון | וקול שמחה

קול חתן | וקול כלה

לך נפיל תחינתינו שומע תפלות בגבהי מרומים
מטיב לכל מאזין שועה ממעון קדשו ממרומים
זרע קודש פרי עץ חיים יגן זכות אבות שוכני מרומים
לך לנוכח יביטו ביום בנין ביתם הסכת קולם אשר יעל ממרומים

טובך וברכתך תטע באהליהם כגן בעדן בשמי מרומים
נא אל תעזבם לנצח סלה לטוב תזכרם תמיד לפניך במרומים
בנה ביתם ובנה אולמך שכלל מקדשך בתוכינו מול מקדשך במרומים

נודה לד' ית"ש ויתעלה על הטובות והחסדים אשר גמלנו, ואשר עתיד לעשות עמנו, שהחיינו וקימנו, ולזמן נישואי בתינו היקרה הגיענו

הכלה הבתולה המהוללה בתש"ק

מרת **אדל הענא** תחי' לאויט"א

עב"ג

הבחור החתן המופלג בתוי"ש בנש"ק

מו"ה **יצחק אייזיק סג"ל** שליט"א

בן מחותני הרה"צ המאוה"ג חו"פ שלהיו"ח

כש"ת מוהר"ר ישעי' סג"ל קרוים שליט"א

בן הרה"צ מוהר"ר פינחס ארי' שליט"א חתן דודי זצ"ל, וחתן כ"ק מרן אדמו"ר מזוטשקא קאראקאס יצ"ו שליט"א

והננו בזה מתכבדים להזמין את קרובינו וידידינו אנ"ש שיחיו לבא להשתתף בשמחתינו
שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

**ביום ד' פרשת ויצא לסדר "יהי' בית אלוקים"**

אור ליום ז' כסלו שנת תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט

קבלת פנים אי"ה בערך בשעה 5:00 | והחופה אי"ה בערך בשעה 6:00

**באולם בית צירל**

קרית טאהש, קאנאדא יצ"ו

ובזכות אבוה"ק זצוקללה"ה יעזור השי"ת שיושפע משמחתינו שפע רב
ורב ברכות וישועות לנו ולכל ישראל ובא לציון גואל בב"א

ידידכם המצפה לישועת ד' הקרובה

**הק' יששכר דוב משה סג"ל טירנויער**

הננו מצטרפים בקריאה של חיבה להזמין את כל קרובינו וידידינו לקחת חבל בשמחת כלולת נכדינו היקרה תליט"א.
ויה"ר שזכות אבותינו הקדושים זצ"ל יגן על כל המשתתפים להושע בכט"ס, ויתן ד' שמחה ונחת בבתיכם.
וימלא משאלותיכם לטובה, ונזכה לשמחת עולם על ראשינו, ובא לציון גואל בב"א.

יעקב שמשון סג"ל טירנויער
בן כ"ק מרן אב"ד שומרי שבת זצוק"ל
וחתן כ"ק מרן אב"ד אשוי זצוק"ל
מ'חוסט יע"א

אביגדור דניאל פיש
בן כ"ק מרן אדמו"ר מהאדאס זצוק"ל
וחתן כ"ק מרן אדמו"ר מטאהש זצוק"ל
אבדק"ק האדאס יע"א



נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו

בעזהשי"ת

בסימן טוב | ובמזל טוב

שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה,
בשבח והודאה להשי"ת
על כל הטוב אשר גמלנו, מתכבדיםאנו להזמינכם
להשתתף בשמחת כלולות בנינו היקרים

החתן
**חיים שלמה** נ"י

עב"ג

הכלה
**שרה** תחי

שיתקיים בעזהשי"ת בשעה טובה ומוצלחת
ביום חמישי ד' כסלו תשפ"ו (27.11.25)
באולמי 'גולדן סקיי' רח' המגיד ממעזריטש 32,
ביתר עילית
קבלת פנים משעה 18:00, חופה בשעה 18:30

השתתפותכם תסב לנו עונג רב

הורי החתן
פנחס מרדכי באנדא
פרומט גרוסמן

הורי הכלה
אהרן הרמן
ורעייתו

גם אנו מתכבדים להזמינכם לשמחת נישואי צאצאינו היקרים שיחי'

מרת יענטא באנדא תחי' | הרב מרדכי יצחק סאמעט ורעייתו

עלייה לתורה תתקיים אי"ה בביהמ"ד ספינקא רחוב סלנט 16
עיה"ק ירושלים ת"ו
התחלת התפילה בשעה 08:30



היות שלא שלחנו הזמנות פרטיות,
נא לראות זאת כהזמנה פרטית

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה
בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה,

מתכבדים אנו בזה להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחי'

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
כמר **הלל ראובן** נ"י

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה
מרת **רחל לאה** תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

**ביום ג' לסדר "ונברכו בך כל משפחות האדמה ובזרעך" (ויצא)**

ה' כסלו שנת תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט

(ולמספרם Nov. 25)

קבלת פנים בשעה 6:00 • החופה בשעה 7:00

**באולם הכרמים**

שדרות נהר הירדן 1, בית שמש

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבינו גם אנו
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין ובו"ב
בן הרב החסיד רבי הלל ראובן ז"ל
חתן הרה"ג רבי אלימלך שלמה שווארץ שליט"א שו"ב
קרית יואל יצ"ו

הורי הכלה
מנחם מענדל הכהן קאהן ובו"ב
בן כ"ק אב"ד תולדות אהרן בית שמש שליט"א
נכד הרה"ק מתולדות אהרן זצ"ל
בית שמש יצ"ו

**עלי' לתורה אי"ה שב"ק פרשת תולדות**
**בביהמ"ד אהל מרדכי ד'טאהש - ק"י**

זמן שחרית בשעה 9:15 • קידושא רבה תיכף אחר התפלה



בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים | על ראש שמחתינו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון | ה | וקול שמחה

קול חתן | וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו בזה להזמין ולקרוא בקריאה של חיבה
קרובינו וידידינו שיחיו לבוא להשתתף בשמחתינו
יום כלולת בנינו היקרים שיחיו ה"ה

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
כמר **דוד** ני"ו

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה
מרת **דבורה** תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
**ביום ד' לסדר "ונברכו בך כל משפחות האדמה ובזרעך" (ויצא)**
**אול"י ז' לחודש כסלו הבעל"ט שנת תשפ"ו לפ"ק**
ולמספרם Nov 26

קבלת פנים בשעה 6:00 | החופה בשעה 7:00

**באולם תפארת עלקא**

2 School Terrace, Monsey, NY

ואי"ה ביום שמחתכם ובמועדיכם ישמח לבינו גם אנו בל"נ
ידידיכם המצפים לקבל פניכם באהבה ובשמחה

הורי החתן
**ישראל אברהם יודא הערשקאוויטש ובו"ב**
קרית יואל יצ"ו

הורי הכלה
**יואל פריעדמאן ובו"ב**
בן הרה"ח ר' אפרים הלוי ז"ל
מאנסי יצ"ו

אריינצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
**718.451.8674**
עקסטענטשן
840

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

עורך: נתנאל הערשקאוויטש

# הואיל משה באר

הקדמת הרמב"ם לסדר קדשים
ללומדי חבורת מזון הנפש - מס' זבחים

## שלמים

וְהַשְּׁלָמִים מַקְרִיבִין מֵהֶן הָאֵמוּרִין בִּלְבָד.

וְאִם הֵן קָרְבַּן יָחִיד, נוֹטְלִים מֵהֶן הַכֹּהֲנִים חָזֶה וָשׁוֹק וְיֹאכְלוּ בַּעֲלֵיהֶן הַנּוֹתָר בְּכָל יְרוּשָׁלַיִם, רְצוֹנִי לוֹמַר בַּעֲלֵיהֶן שֶׁהֵן מֻתָּרִים לֶאֱכֹל לְכָל יִשְׂרָאֵל אֲנָשִׁים וְנָשִׁים.[1] וְאִם הֵם קָרְבַּן צִבּוּר יֹאכְלוּ הַכֹּהֲנִים הַנּוֹתָר בָּעֲזָרָה, וְזִכְרֵי כְּהֻנָּה בִּלְבָד.

וְאֵינָן בָּאִין מִן הָעוֹף כְּלָל עִקָּר, רְצוֹנִי לוֹמַר מִן הַתּוֹרִים וּמִן בְּנֵי יוֹנָה. אֲבָל מַקְרִיבִין שְׁלָמִים מִכָּל שְׁלֹשָׁה מִינֵי הַבְּהֵמָה, בֵּין מִן הַגְּדוֹלִים בֵּין מִן הַקְּטַנִּים בֵּין מִן הַזְּכָרִים וּמִן הַנְּקֵבוֹת.

וְכֵן כָּל קָרְבְּנוֹת צִבּוּר אֵינָם בָּאִין אֶלָּא מִשְּׁלֹשָׁה הַמִּינִים, לֹא מִן הַתּוֹרִים וְלֹא מִן בְּנֵי הַיּוֹנָה.[2]

## אמורי הקרבנות

וְהָאֵמוּרִים אֲשֶׁר זָכַרְנוּ תְּחִלָּה הוּא שֵׁם נוֹפֵל עַל הַדְּבָרִים שֶׁשּׂוֹרְפִין עַל גַּבֵּי הַמִּזְבֵּחַ מִן הַחַטָּאת וְהָאָשָׁם וְהַשְּׁלָמִים. וְאֵלּוּ הַדְּבָרִים הֵם מַה שֶּׁאֲנִי אוֹמֵר:

אִם יִהְיֶה הַמִּין שֶׁמַּקְרִיבִין מִמֶּנּוּ הַשְּׁלָמִים מִן הַבָּקָר, שׂוֹרְפִין מִן הַקָּרְבָּן כָּל הַחֵלֶב אֲשֶׁר עַל הַקֶּרֶב מִבִּפְנִים, וְאֶת שְׁתֵּי הַכְּלָיוֹת עִם חֶלְבֵיהֶן, וְיוֹתֶרֶת הַכָּבֵד וְהוּא הַקָּצֶה הַתַּחְתּוֹן הַיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ כְּמוֹ הַבֹּהֶן מִן הַיָּד.[3] וְאֵלּוּ הַדְּבָרִים בְּעַצְמָן הֵן שֶׁשּׂוֹרְפִין מֵהַשְּׁלָמִים אִם יִהְיוּ מִן הָעִזִּים.

אֲבָל אִם יִהְיוּ מִן הַצֹּאן, שׂוֹרְפִין יוֹתֵר עַל אֵלּוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶיהָ[4] כֻּלָּהּ עִם הַחֻלְיוֹת הַסְּמוּכוֹת לָהּ, וְהֵן הַחֻלְיוֹת אֲשֶׁר בֵּין הַיְּרֵכַיִם שֶׁקּוֹרִין אוֹתָם הַטַּבָּחִים "שַׁרְרְתָּא".

וְהַדְּבָרִים שֶׁשּׂוֹרְפִים מִן הַשְּׁלָמִים כְּפִי הַמִּין שֶׁהֵם מִמֶּנּוּ כְּמוֹ שֶׁבֵּאַרְנוּ הֵן בְּעַצְמָם שֶׁשּׂוֹרְפִין מִן הַחַטָּאת וְהָאָשָׁם לֹא פָּחוֹת וְלֹא יוֹתֵר. וְכָל אֵלּוּ נִקְרָאִים אֵמוּרִים, רוֹצֶה לוֹמַר הַדְּבָרִים שֶׁצִּוָּה לִשְׂרֹף אוֹתָן.[5]

[1] כלומר החכמים אומרים בכל מקום שהבעלים אוכלים השלמים. אבל אין הכוונה שדווקא בעל הקרבן מותר לאכלם, אלא שר"ל שאפילו זר אוכל אותם, ובכלל זה כל אחד מישראל, בשונה מקדשי קדשים שמותרים רק לכהנים.

[2] נמצא שקרבן עוף לעולם עולה או חטאת והוא קרבן יחיד.

[3] כלומר שיותרת הכבד היינו חלק היוצא מן הכבד, והוא דומה לבוהן, הוא אגודל, שיוצא מכף היד.

[4] הזנב.

[5] כלומר שלכך קראו חכמים את החלבים "אמורים", שהוא מלשון אמירה, לפי שאמר השי"ת להקטיר חלבים אלו.

## שמות בהמות הכשרות לקרבן

וְהִנְנִי אוֹמֵר הַקְדָּמָה, וְאַחַר כָּךְ אַתְחִיל לְדַבֵּר בְּחִלּוּק הַקָּרְבָּנוֹת:

- כֶּשֶׂב אוֹ כֶּבֶשׂ[6] אוֹ כְּבָשִׂים אוֹ כְּשָׂבִים הוּא בֶּן שָׁנָה מִן הַצֹּאן.
- וְשֵׁם שֶׂה נוֹפֵל עַל מִין הַצֹּאן וּמִין הָעִזִּים. וּכְשֶׁהוּא אוֹמֵר שֶׂה בֶּן שָׁנָה מַשְׁמָעוּתוֹ קְטַנֵּי הַצֹּאן וּקְטַנֵּי הָעִזִּים.
- וּבְכָל מָקוֹם שֶׁהוּא אוֹמֵר אַיִל אוֹ אֵילִים הוּא בֶּן שְׁתֵּי שָׁנִים מִזִּכְרֵי הַצֹּאן.
- וּבְכָל מָקוֹם שֶׁהוּא אוֹמֵר פַּר אוֹ פָּרִים הוּא בֶּן שָׁלֹשׁ שָׁנִים מִן הַבָּקָר.
- וּכְשֶׁהוּא אוֹמֵר עֵגֶל הוּא בֶּן שָׁנָה.
- וּשְׂעִיר עִזִּים נִקְרָא אַחַר שָׁנָה.

וְעוֹד יִתְבָּאֵר כָּל זֶה בְּמַסֶּכֶת פָּרָה מִסֵּדֶר טְהָרוֹת.

## ארבע חלוקות הקרבנות

וְעוֹד אֲנִי אוֹמֵר אַחַר זֶה שֶׁהַקָּרְבָּנוֹת מִתְחַלְּקִין מִצַּד אֶחָד אֶל אַרְבָּעָה מִינִים:

1. קָרְבַּן צִבּוּר
2. אוֹ קָרְבַּן יָחִיד
3. וְקָרְבַּן צִבּוּר דּוֹמֶה לְקָרְבַּן יָחִיד
4. וְקָרְבַּן יָחִיד דּוֹמֶה לְקָרְבַּן צִבּוּר.

## קרבן תמיד בכל יום

אָמְנָם הַמִּין הָרִאשׁוֹן וְהוּא קָרְבַּן צִבּוּר הֵן הַקָּרְבָּנוֹת שֶׁמַּקְרִיבִין בְּכָל יוֹם וְכָל שַׁבָּת וְכָל רֹאשׁ חֹדֶשׁ וּבְחַגִּים, עֲלֵיהֶם אֵין לְהוֹסִיף וּמֵהֶן אֵין לִגְרֹעַ לְדוֹרֵי דּוֹרִים.

וּמַה שֶּׁמַּקְרִיבִין בְּכָל יוֹם לְעוֹלָה:

- שְׁנֵי כְּבָשִׂים

וְהֵן עוֹלוֹת, אֶחָד בַּבֹּקֶר וְאֶחָד בֵּין הָעַרְבַּיִם, וְהֵן הַנִּקְרָאִים עוֹלוֹת הַתָּמִיד בְּשֵׁם מֻחְלָט.[7]

[6] "כבש" ו"כשב" הם אותה מלה אלא בחילוף אותיות.

[7] כלומר השם "תמיד" מורה שהוא קרבן מוחלט בכל

## מוסף שבת

וּמוֹסִיפִין עוֹד עַל זֶה בְּכָל יוֹם שַׁבָּת:

- שְׁנֵי כְּבָשִׂים

וְהֵן עוֹלוֹת, אַחַר תָּמִיד שֶׁל שַׁחַר וְקֹדֶם תָּמִיד שֶׁל בֵּין הָעַרְבָּיִם.

וּמַה שֶּׁמַּקְרִיבִין כָּל יוֹם שַׁבָּת הֵם אַרְבַּע עוֹלוֹת לֹא פָּחוֹת מִזֶּה.[8] וְהַשְּׁנַיִם הַמּוּסָפִים הֵן הַנִּקְרָאִים מוּסַף שַׁבָּת.

## מוסף ראש חודש

וּמַקְרִיבִין בְּכָל רֹאשׁ חֹדֶשׁ מוּסָף עַל הַשְּׁנֵי תְּמִידִים:

- פָּרִים שְׁנַיִם
- וְאַיִל אֶחָד
- וּכְבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה שִׁבְעָה

כֻּלָּן עוֹלוֹת.

- וּשְׂעִיר עִזִּים לְחַטָּאת.

וְכָל אֵלּוּ נִקְרָאִים מוּסַף רֹאשׁ חֹדֶשׁ לְפִי שֶׁהוּא מוּסָף עַל הַתְּמִידִים. וּמַה שֶּׁמַּקְרִיבִין כָּל רֹאשׁ חֹדֶשׁ הֵן שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה עוֹלוֹת וְשָׂעִיר חַטָּאת לֹא פָּחוֹת מִזֶּה.

וְאִם חָל רֹאשׁ חֹדֶשׁ לִהְיוֹת בַּשַּׁבָּת, יִהְיֶה מִנְיַן הָעוֹלוֹת אַרְבַּע עֶשְׂרֵה: שְׁנֵי תְּמִידִין, וּשְׁנֵי כְּבָשִׂים לְמוּסַף שַׁבָּת, וְעֶשֶׂר לְמוּסַף רֹאשׁ חֹדֶשׁ, וְשָׂעִיר חַטָּאת מִכְּלַל מוּסַף רֹאשׁ חֹדֶשׁ, נִמְצָא הַכֹּל חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה.

## מוסף פסח

וְקָרְבְּנוֹת הָרְגָלִים הֵן כְּמוֹ שֶׁאָמְרָה תּוֹרָה:

בִּימֵי חַג הַמַּצּוֹת כָּל שִׁבְעַת הַיָּמִים מַקְרִיבִין בְּכָל יוֹם מוּסָף עַל הַשְּׁנֵי תְּמִידִין, וְעַל מוּסַף שַׁבָּת בְּשַׁבָּת, כְּמוֹ מוּסַף רֹאשׁ חֹדֶשׁ, וְהֵן:

- פָּרִים שְׁנַיִם
- וְאַיִל אֶחָד
- כְּבָשִׂים שִׁבְעָה

הֲרֵי כֻּלָּן עֶשֶׂר עוֹלוֹת.

- וּשְׂעִיר חַטָּאת גַּם כֵּן מַקְרִיבִין בְּכָל יוֹם מִשִּׁבְעַת הַיָּמִים.
- וּמוֹסִיפִין עֲלֵיהֶן בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי שֶׁל חַג הַמַּצּוֹת, וְהוּא יוֹם הֲנָפַת הָעֹמֶר:
- כֶּבֶשׂ לְעוֹלָה.

יום, בשונה מקרבנות המוספין שאינם באים כי אם בימים מסוימים.

[8] אבל יכול להיות יותר, אם חל בר"ח או ביו"ט.

# בהיכל הישיבה

א בליק
אינעם תורה פעסטונג
**ישיבה גדולה**
**תורת משולם פייש**
**ד'טאהש - ניו יארק**

זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו:

## בחורי ישיבתינו הק' אונטערן רישומא קדישא פונעם באזוך פון ראש הישיבה כ"ק רבינו שליט"א

דעם מאנטאג פר' תולדות האט רבינו שליט"א אפגעשטאט א באזוך אין ישיבה. אנקומענדיג האט דער רבי זיך ארומגעקוקט מיט א קענטיגע קורת רוח וואו די בחורים לערנען פלייסיג דעם שיעור שולחן ערוך או"ח הל' בורר, מיט חשובן ר"מ הרב הגאון דומ"ץ ק"י שליט"א.

דערנאך האט דער רבי קובע מזוזה געווען אין בנין הישיבה המפוארה, און דערביי אויך מכבד געווען דעם מנהל שליט"א קובע צו זיין א מזוזה.

דערנאך איז פארגעקומען א התרגשות'דיגע מעמד לחיים, וואו דער מנהל האט מקבל פנים געווען דעם רבי'ן מיט פאסיגע דיבורים, און גלייכצייטיג איבערגעגעבן א פריסת שלום פון די הייליגע ישיבה. ארויסברענגענדיג די געוואלדיגע התמדת התורה פון די חשובע בחורים, די געוואלדיגע עבודת התפלה, די ווארימע היימישע אטמאספער, די אחדות ואהבת חברים פון די בחורים. ס'דערקענט זיך אין די לופט אז די ישיבה איז מיסודו לשמו ולזכרו פון רבינו הקדוש זי"ע.

הרב הגאון הדומ"ץ שליט"א ר"מ בישיבה האט איבערגעגעבן א ווארימע גריס פארן רבי'ן פון די דערהויבענע שבתים אין די ישיבה, זאגענדיג אז ער איז געווען דא די ערשטע וואך פון ישיבה, די ווארימקייט, ערענסקייט פון די בחורים איז ב"ה צום באוואונדערן.

דער רבי האט געגעבן ברכת הקודש פאר די בחורי חמד, ארויסברענגענדיג די שמירה פון א מזוזה און די קדושה דערפון, און געגעבן חיזוק והדרכה ווייטער מוסיף צו זיין בתורה עבודה ומדות טובות און מ'זאל אויסנוצן די צייט.

דערנאך האט דער רבי מחנך געווען דעם נייעם מנין מיט א תפלת מנחה. נאך מנחה האבן די בחורים ארויסבאגלייט דעם רבי'ן צו בנין הישיבה קטנה.

אין ישיבה קטנה איז פארגעקומען שבע ברכות לכבוד דעם חשובן ר"מ הרה"ג רבי יואל גאנדעל שליט"א, וואו דער מנהל הרה"ג רבי מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין שליט"א האט מקבל פנים געווען מיט פאסיגע ווערטער, און געגעבן א גריס פון די געוואלדיגע התעלות התלמידים.

א לענגערע צייט האט דער רבי געגעבן א ווארימע שמועס בחיזוק והדרכה פאר די תלמידי הישיבה, און דער רבי האט געגעבן לחיים און ברכת קדשו פאר די בחורים.

בתור"ת ה' חפצו ובתורתו יהגה יומם ולילה

## ספעציעלע סדר פון חזרות הלימודים "מחזור החדשים"

דער חשובער מנהל שליט"א האט אוועקגעשטעלט א פעסטע כסדר'דיגע סדר החזרה אויף אלע לימודי הישיבה.

יעדע פערטע וואך וועט פארקומען א חזרה אויף אלע לימודי הישיבה פונעם גאנצן חודש, שיעור עיון, שיעור שולחן ערוך, שיעור פשוט, און שיעור בקיאות. און יעדע חודש וועט מען גלייכצייטיג אויך איבער'חזר'ן די לימודים פון א חודש פריער אויך.

עס איז אויסגעטיילט געווארן א שיינע קארטל "מחזור החדשים", וואו יעדע בחור וועט אריינצייכענען, יעדע וואך אלע לימודי הישיבה, און וואו ער האלט מיט די חזרה.

דער מנהל האט ביי איינע פון די דרשות זייער שיין ארויסגעברענגט די געוואלדיגע תועלת און תכלית פון די כסדר'דיגע חזרות הלימודים און די שטארקע יסודות'דיגע ענין דערפון, און האט דערביי נאכגעברענגט אויף דעם ענין פון חזרה מפי ספרים וסופרים.

# דרשת "הכנה לחזרה" דורך הגאון רבי מאיר צוויבעל שליט"א

די וואך פרשת תולדות איז די וואך פון חזרות הלימודים, לויטן סדר "מחזור החדשים".

אלס א הכנה צו די ערשטע חזרה איז פארגעקומען א גאר אינהאלטסרייכע דרשה דורך דעם באקאנטן נואם בחסד עליון ופה מפיק מרגליות הרב הגאון המפורסם רבי מאיר צוויבעל שליט"א מח"ס נר המאיר.

דער בעל דרשן האט שטארק ארויסגעברענגט און אנגעפלאמט די בחורים צו די חזרה וואך, און בכלל צום מחזור החדשים וועלכע האט שטארק משפיע געווען אויף תלמידי ישיבתינו הק'.

דער חשובער גאסט האט איבערגעגעבן זיינע הרגשים פון די בחורי הישיבה, זאגענדיג וואסערע גרויסע זכי' מ'האט צו לערנען אין די הייליגע ישיבה מיסודו ולשמו ולזכרו של רביה"ק זי"ע, ובנשיאות כ"ק רבינו שליט"א, און די שטארקע מעלה בקודש וואס ס'האט אז ס'איז אינדרויסן פון די שטאט, און א באזונדערע שטילע ווינקל, וואס איז מוכשר לקבל תורה וקדושה, און שטייגן מעלות רמות בתורה ועבודה.

*

## חבורת ליל שישי הכנה לשבת קודש

יעדע וואך ליל שישי קומט פאר א באזונדערע חבורה, וואו די בחורים זינגן צוזאמען ניגוני שבת קודש, בראשות הרה"ג המנהל שליט"א, און מ'פארברענגט צוזאמען מיט דברי תורה ומעשיות צדיקים.

יעדע וואך טרעט אויף א בחור מיט דברי הכנה לשבת קודש, פר' לך העעל"ט האט אויפגעטרעטן הבחור החשוב דוד שטיין נ"י ממצויני תלמידי ישיבתינו הקדושה, פון וואס די בחורים האבן שטארק הנאה געהאט.

*

## חבורת ודבר דבר

בחורי ישיבתינו האבן זיך צוזאמגענומען אין א חבורה "ודבר דבר", אז מ'זאל נישט רעדן שבת קודש, וואו ס'איז געווען רצון קדשו פון רביה"ק זי"ע, און רבינו שליט"א טוט דאס כסדר מעורר זיין.

*

## ערשטע שבת געפראוועט בין כותלי הישיבה

דעם פארגאנגענעם שבת קודש פר' נח העעל"ט איז געפראוועט געווארן דורכן חשובן ר"מ שולחן ערוך הגאון דומ"ץ קהלתינו בק"י שליט"א, וועלכער האט אריינגעברענגט א געוואלדיגע התעלות אין די חשובע בחורים וועלכע האבן אריינגעלעבט אין א טאהש'ער שבת דורכאויס די תפלות וסעודות שבת אויף א דערהויבענעם פארנעם, וועלכע האט זיך אנגעזען אויף די לעכטיגע צופרידענע פנים'ער דורכאויס א גאנצע וואך.

*

## שבת קודש פר' לך

די צווייטע שבת אין ישיבה איז אדורך גאר דערהויבן מתחלתו ועד סופו, ווען הרה"צ רבי יצחק אייזיק סג"ל שליט"א ר"מ בישיבתינו הקדושה האט געפראוועט דעם שבת אין ישיבה.

ביי די התאספות נאך די סעודה ליל שב"ק האט דער חשובער ר"מ ארומגערעדט צווישן אנדערע איבער די געוואלדיגע גרויסקייט פון אויסזאגן ספר תהלים שבת צופרי פארן דאווענען.

תיכף נאך תהלים, פארן דאווענען האבן די בחורים געלערנט ספה"ק עבודת עבודה, פארגעלערנט דורך הבחור החשוב שמחה אלעזר טייטלבוים נ"י ממצויני תלמידי ישיבתינו הקדושה, אינערהאלב חבורת עבודת עבודה בישיבתינו הק'.

ביי סעודת מלוה מלכה האט אויפגעטרעטן הרב החסיד מוה"ר טובי' פעקעטע שליט"א וועלכע האט דערציילט סיפורי צדיקים פון וואס די בחורים האבן נהנה געווען.

*

## שבת קודש פר' וירא

די דריטע שבת אין ישיבה האט הרה"ג רבי אלתר משה כהנא שליט"א ר"מ בישיבה קטנה תפארת משולם פייש געפראוועט מיט גרויס דערהויבענקייט, דער ר"מ האט דורכאויס שבת שטארק אויפגעהויבן די תלמידי הישיבה, ובפרט ביי שלש סעודות ווען ער האט מרחיב געווען בענינים הנוגעים למעשה.

ביי סעודת מלוה מלכה האט דערציילט אדמו"ר מבאניא נדבורנא שליט"א סיפורים ועובדות וזכרונות ימי קדם בצלו הקדוש פון רבינו הקדוש זי"ע, פון וואס די בחורים האבן זייער הנאה געהאט.

*

## איינדרוקספולע שמחת שבע ברכות בהיכל הישיבה

דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג פר' חיי שרה העעל"ט איז פארגעקומען א הערליכע שבע ברכות אין ישיבה, לכבוד די חתונה בבית הרה"ג רבי יואל גאנדעל שליט"א ר"מ בישיבתינו הקדושה.

עס האט אויפגעטרעטן דער חשובער מנהל שליט"א וועלכע האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע געטריישאפט פונעם חשובן מחותן דער ר"מ שליט"א און די געוואלדיגע כחות וואס ער לייגט אריין אין יעדן בחור באזונדער.

דערנאך האט אויפגעטרעטן דער זיידע הרב החסיד ר' נתן גאנדעל שליט"א וועלכע האט בתוך דבריו ארויסגעברענגט די זכי' פון לערנען אין אזא הייליגע ישיבה, און די גוטע גריסן וואס מ'הערט כסדר צוריק וואו די בחורים הארעווען בתורה ועבודה, וואו ס'פאסט פאר טאהשער בחורים.

מיט פאסיגע דיבורים האט אויפגעטרעטן דער בעל שמחה הרה"ג הר"מ שליט"א.

הבה"ח אברהם ארי' מאירוביץ נ"י האט געגראמט לכבוד די שמחה, די גראמען זענען געמאכט געווארן דורך הבה"ח יושע זעליג סג"ל גאלדשטיין נ"י. מיט דברי בדחנות האבן מהנה געווען הבה"ח שמחה אלעזר טייטלבוים נ"י, הבה"ח רפאל האלצער נ"י, הבה"ח עזריאל עמרם פליישמאן נ"י.

נאך ברהמ"ז ושבע ברכות זענען פארגעקומען ריקודי שמחה וואו דער מגי"ש האט געטאנצן מיט יעדע בחור באזונדער.

*

# במקהלות

**ישיבתינו הקדושה ישיבה גדולה אור החיים:**

## דרשת פתיחת הזמן

אריינטרעטנדיג אינעם נייעם זמן החורף, שטעלנדיג די ערשטע טריט אריין אין א פרישע יאר צו קונה זיין תורה ועבודה ויראת שמים, האט הרה"ג המנהל שליט"א געהאלטן א לענגערע דרשת פתיחת הזמן פאר די תלמידי הישיבה, אראפשטעלנדיג פעסטע יסודות אז די נייע זמן זאל אריבערגיין מיט הצלחה און סייעתא דשמיא.

בעת די דרשה האט די מנהל נאכגעזאגט דברי מוסר והתחזקות פאר די תלמידים, און דברי הדרכה וויאזוי אויסצונוצן די לעצט-פארבליבענע בחור'ישע יארן מיט א אמת'ע חשק און התמדת התורה.

*

## הערליכע סעודות שב"ק געפראוועט בין כותלי הישיבה

די פארלאפענע וואך פרשת נח בעת ווען מרן רבינו שליט"א האט געפראוועט דעם שב"ק בזעיר אנפין על מי מנוחות אינדרויסן פון שטאט, האבן די תלמידי הישיבה מיטגעהאלטן די סעודות שבת קודש אויף א אייגנארטיגע פריוואטע פארנעם בין כותלי הישיבה.

ליל שב"ק איז די סעודה געפראוועט געווארן בראשות הרה"ג המנהל שליט"א, ווי די מנהל שליט"א האט משמיע געווען דברי תורה והתחזקות לרגל די נייע זמן, און מען האט פאר לענגערע שעות פארברענגט בניגוני שירה וזמרה לכבוד שב"ק, כמעשהו בליל שב"ק כך מעשהו ביום, ווען שב"ק אינדערפרי איז די סעודה געפראוועט געווארן דורך אחד מהמשפיעים הרב יעקב אלימלך לייפער שליט"א, וועלכע האט פארברענגט מיט די תלמידים בזמירות שירות ותשבחות, בשבת אחים גם יחד, בנועם זיו אור השבת קודש.

בעת סעודת רעוא דרעווין האבן די תלמידי הישיבה זיך ווידער צוזאמגענומען צו פראווענען די דערהיבענע שלש סעודות בראשות המשפיע הרה"ג רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א, וועלכע האט פאר א לענגערע צייט משמיע געווען דברי תורה ודברי התחזקות פאר די תלמידי הישיבה, זינגענדיג ניגוני התעוררות וועלכע האט זיך פארצויגן פאר א לאנגע ווייַלע בהתרוממות רב.

*

## רייכע גליון ווערט ארויסגעגעבן דורך די תלמידי הישיבה

מטעם הנהלת הישיבה איז געלאזט געווארן אין גאנג בין כותלי הישיבה, א ספעציעלע אייגנארטיגע געדאנק מיט'ן ציל לרומם די לימודי הישיבה ולימוד ספרי החסידות, נעמליך ארויסצוגעבן א הערליכע גליון וואס וועט ענהאלטן רייכע מאמרים מענינים וענינים שונים.

צווישן די שפאלטענעס פונעם רייכע גליון, וועט ווערן נאכגעברענגט הערליכע ביאורים פון די לימודים אין די מסכתות וסוגיות וועלכע עס ווערן געלערנט אין די טעג בין כותלי הישיבה, און נאך פולע אנדערע מאמרים וליקוטים מספרי החסידות געשריבן דורך די תלמידים אין די פרייע צייט, און די וקנ"ה לך חבר וועט העלפן אז די לימודי הישיבה און די שיעורים בספרי החסידות אין וועלכע די תלמידי הישיבה טוען כסדר אריינקאכן וועט בלייבן איינגעקריצט אין די ביינער, און וועט געדענקט ווערן פאר לענגערע יארן.

אזוי אויך וועט ווערן צוגעברענגט טרעפליכע דרשות ומאמרים וועלכע עס ווערט כסדר געהערט דורך די רמ"י ומשפיעי הישיבה שליט"א, און עקסטער ספעציעלע אויסגעקליבענע פתגמין קדישין פון די דברי הדרכה וועלכע די תלמידים הערן כסדר מפום ממלל רברבן כ"ק מרן רבינו שליט"א בעיתים ובזמנים שונים ספעציעל פאר די תלמידים.

די רייכע גליון 'אור יקר' וועט ערשיינען צום ערשטן מאל לרגל די שמחה בבית רבינו די קומענדיגע שבת שבע ברכות פרשת וישלח, און וועט פארשפרייט ווערן בבתי מדרשינו ברחבי תבל, און דאס וועט געבן א טיפערע אריינבליק פאר כלל אנשי שלומינו מהנעשה והנשמע בישיבה של רבי.

*

## חבורת קנין שלם

אין די יעצטיגע טעג איז צוריק אריין אין שוואונג 'חבורת קנין שלם', וועלכע איז געשטעלט און מיוחד פאר די תלמידי שיעור ב' צו איבער'חזר'ן די בלעטער פון די פארלאפענע זמן.

די לימודי הישיבה איז געשטעלט צו לערנען מסכת בבא בתרא צוטיילט אין 2 יאר, און בעת די תלמידי שיעור ב' לערנען שוין די צווייטע חלק מסכת, ווערט אריינגעלייגט גרויסע כוחות דוך די געטרייע מגי"ש, צוצופלייסן די תלמידים צו איבער'חזר'ן די לימודים פון פאריאר, און זיך פארהערן די בלעטער גמרא שקלא וטריא בעל פה, אויף א אופן לערנענדיג יעדע וואך א פרישע בלאט, און אין די זעלבע צייט חזר'ט מען איבער די בלעטער פון די פארלאפענע וואכן, אזוי קומט אויס אז מ'פארגעסט נישט די לימודים, און מ'וועט זיך בעז"ה שטעלן צום פארהער אויף די גאנצע מסכת ישר והפך. הזורעים בדמעה ברנה יקצורו.

איבערצוגעבן אייער בריוו
שיקט א בריוו אויף
פאסט
11 Van Buren Dr. #305
Monroe, NY 10950
שיקט א
פעקס
877.760.0544
לאזט א מעסעדזש אויף
קול איחוד
718.451.8674
Ext. 841

# וויפיל תלמידים אין א כיתה, די מושג פון מעט בכמות ורב באיכות

קודם וויל איך זיך באדאנקן פאר די מערכת פאר די הערליכע גליונות יעדע וואך.

איך קום נישט אן אלס שבת אדורכצוגיין די גאנצע גליון, ספעציעל ווען ס'איז דא עקסטער ספעציעלע מאמרים אדער א גרעסערע גליון וכדו', בין איך עס אסאך מאל משלים שפעטער. איך בין ערשט לעצטנס אנגעקומען צו ליינען די בריוון פון די באור החיים פון יו"ט סוכות העעל"ט, האב איך געזעהן ווי איינער האט שיין ארומגענומען די מציאות איבער די שנעלע וואוקס פון די תלמוד תורה אין קרית טאהש וכו'. וויל איך נעמען די געלעגנהייט אויסצושמועסן א נושא, וואס איז שייך פאר אלע מוסדות התורה וואס ספראווענען זיך מסתמא מיט דעם ענין ווען ס'ווערן נתרבה התלמידים. און איך וויל אויך הערן פון אנ"ש, אויב איינער ווייסט מער איבער קראנט, איבער די פאלגנדע סיפור פון הייליגן רבי'ן.

וויל איך דערציילן וואס איך האב געהערט א מעשה איבערן הייליגן רבי'ן, וואס האט פאסירט ווען די חדר אין טאהש איז נאך געווען אסאך אסאך קלענער. ס'איז געווען איינמאל אין א צייט ווען דער רבי האט געדארפט צו אויפנעמען דעם עולם, און ס'זענען געווען דעמאלטס אסאך געסט פון ניו יארק, דער עולם ווארט און ווארט אבער מ'ווייסט נישט ווי דער רבי איז, דאכט זיך די גבאים האבן אפילו פרובירט אריינצוגיין אל הקודש פנימה, אבער דער רבי איז נישט דארט. אביסל שפעטער האט מען געטראפן אז דער רבי איז פשוט געווען אין חדר. ס'איז געווען יענע טאג אז מ'האט עפעס צוזאמגעשטעלט קינדער און ס'איז געווארן א גרעסערע קלאס. דער רבי איז דאס געווער געווארן, און דער רבי איז אליינס געגאנגען אין חדר זיין די מלמד פאר א טייל קינדער, וויבאלד ער האט נישט געהאלטן אז ס'זאל זיין צופיל קינדער אין איין כיתה.

די מעשה דערציילט זייער אסאך, און ווי ווייט עס פעלט אויס אריינצולייגן כוחות צו האלטן די קלאסן אין די מוסדות התורה מיט ווייניגער קינדער פער קלאס. איך ווייס נישט קיין פונקטליכע טעמים דערויף, אבער מ'קען זיך אליינס פארשטעלן אז ס'איז פשוט אז מ'קען זיך אסאך בעסער אפגעבן מיט די תלמידים באיכות ווען די כיתה איז קלענער בכמות. און בכלל זעט מען היינט אסאך אסאך שטערקער די וויכטיגקייט דערין, ווען איבערהויפט לייגט מען אריין אסאך כוחות היינט מיט קאפ און מח וויאזוי ארויפצוברענגען יעדע קינד עקסטער נאך אסאך מער ווי אמאל, און עס איז אסאך מער דא די מושג פון פריוואטע מלמדים טאקע פאר דעם ציהל. לכאורה מיט דעם אלעם איז זייער כדאי אויך צו ארבעטן צו האלטן די קלאסן קלענער, און אויב ס'איז דא א מעגליכקייט צו אויפנעמען נאך מלמדים פער יארגאנג, וואלט געווען א געוואלדיגע תועלת.

צום שלוס וויל איך וואונטשן פאר די מערכת הצלחה וסייעתא דשמיא בכל מעשה ידיכם, און פאר אלע אנ"ש בני חיי ומזוני רויחי, און מ'זאל זוכה זיין בקרוב ארויפצוגיין קיין ירושלים מיטן רבי'ן אינאיינעם אמן.

(-)









# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

תולדות - תשפ"ו לפ"ק

## זונטאג פר' חיי שרה

נאכמיטאג האט זיך רבינו שליט"א ארויסגעלאזט אויף א קורצע נסיעה קיין אייראפע, צו באשיינען די חתונה פון הרבני הנגיד ר' בנימין פיליפסון הי"ו בריח התיכון דמוסדותינו הק'.

## דינסטאג פר' חיי שרה

ביינאכט איז דער רבי געווען סידור קידושין ביי די חתונה פון הרבני הנגיד ר' בנימין פיליפסון הי"ו, שפעטער איז דער רבי צוריק ערשינען אין זאל און געטאנצן מיטן חתן ובני המשפחה.

## מיטוואך פר' חיי שרה

נאכמיטאג האט זיך דער רבי ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין קאסאן, אוקריינא, צו מתפלל זיין ביים ציון הק' פונעם פעטער דער הייליגער בני שלשים זי"ע, חדב"ן רבינו השרף זי"ע, לרגל די יומדהל"ק, וואס איז אויסגעפאלן דעם ערב שבת קודש - כ"ג חשון.

דער רבי איז אנגעקומען פארנאכטס, און פוקד געווען דעם ציון הק', און געזאגט ספר תהלים, דערנאך יהי רצון און קדיש. דערנאך האט זיך דער רבי ארויסגעלאזט אויפן וועג צום עיר האבות טאהש, אונגארן.

## דאנערשטאג פר' חיי שרה

פארטאגס איז דער רבי ארויס צום ציון הקדוש פון זקינו רבינו הסב"ק זי"ע, און אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים בהתעוררות רב, לפעול דבר ישועה ורחמים לנו ולכל ישראל.

נאך יהי רצון און קדיש איז דער רבי ארויף צום ציון הקדוש פון זקינו רבינו השרף זי"ע און געזאגט ספר רביעי פון תהלים און קדיש, דערנאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען שחרית בבנין הכנסת אורחים דחצר הקודש.

נאכמיטאג האט זיך די פליגער געהויבן אויפן וועג אהיים, ביינאכט דער רבי האט געלאנדעט אינעם עירפארט אין מאנטריאל.

## שבת קודש פר' חיי שרה

פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע און די ליכט ביים עמוד, און די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א גוט שבת'.

⬥

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול, איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש מוה"ר יחזקאל שרגא סג"ל שווארץ הי"ו.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, אדמו"ר מ'זוטשקא קראקאס שליט"א, הרה"ג ר' נחמי' צבי חיים סג"ל קרויס שליט"א, אב"ד קלוזש שליט"א, הרה"ח ר' חיים שלום טובי' גדלי' פעקעטע הי"ו פון קרית יואל, מוה"ר יודא יוסף פאללאק הי"ו פון ניו יארק.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרב שלמה צבי חיים ליעבערמאן שליט"א פון לינדען, לרגל די יארצייט פון אביו החשוב הרה"ג ר' משה לייב ז"ל מ'בעסערמין וואס איז געפאלן אום שבת קודש, שיר המעלות הב' ישראל קרויס נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

דערנאך איז פארגעקומען די שלום זכור פון בן הנולד צו מו"ה שניאור זלמן קארנהויזער הי"ו, און פון בן מו"ה אהרן אלעזר סג"ל יונגרייז הי"ו. דער רבי האט טועם געווען פון די בונדלעך געגעבן שריים פאר די בעלי שמחה און זיידע'ס און אנגעוואונטשן ברכות קדשו.

שבת נותנים מוה"ר משה יואל פאללאק הי"ו פון וומסב"ג. נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת'.

⬥

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' אלעזר ליעבערמאן שליט"א ראה"ח עבודת עבודה בבית מדרשינו עטרת מרדכי וומסב"ג, שחרית האט געדאווענט הרב שלמה צבי חיים ליעבערמאן שליט"א.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרב יצחק אייזיק כ"ץ שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, לוי מו"ה יושע לייב קליין הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, שלישי הרב שלמה צבי חיים ליעבערמאן שליט"א, רביעי החתן ר' יעקב מרדכי פרענקל הי"ו, חמישי הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא וויינשטאק הי"ו פון קרית יואל, ששי הרה"ח ר' פנחס לוי שטיינמעץ הי"ו פון ניו יארק, שביעי מו"ה אברהם פאלאווין הי"ו פון בארא פארק, הוספות: מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו מגבאי ביהמ"ד הגדול, הרה"ג ר' מענדל ווייס שליט"א מו"ץ בקרית יואל, הרה"ח ר' יודא משה געלב הי"ו פון מאנטריאל, אחרון מו"ה אהרן אלעזר סג"ל יונגרייז הי"ו.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א. הגבה מו"ה אהרן שווארץ הי"ו, גלילה מו"ה משה קליין הי"ו פון מאנטריאל.

דער רבי האט געבענטשט ראש חודש מיט גרויס התעוררות, און הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א איז צוגעגאנגען צו תפילת מוסף. פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' חיים שלום טובי' גדלי' פעקעטע הי"ו פון קרית יואל.

❖

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים, אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הב' אלימלך ב"ר יודא לייב הכהן פישער נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' חיים שלום טובי' גדלי' פעקעטע הי"ו, שיר המעלות הב' יעקב יוסף קנאבלאך נ"ו פון שיכון סקווירא.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

❖

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה הרב שלמה צבי חיים ליעבערמאן שליט"א. די עליות האבן עולה געווען ראשון הרה"ג ר' אשר מאנן שליט"א דומ"ץ סאטמאר בוומסב"ג, שני הרה"ח ר' יקותיאל יצחק פרענקל הי"ו, שלישי מוה"ר יואל שטיינמעץ הי"ו, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה הרה"ח ר' יודא יוסף פאללאק הי"ו.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ח ר' ישראל יעקב קליין הי"ו, הרה"ח ר' יואל פרענקל הי"ו, הרה"ח ר' פנחס ברוך האלפערין שליט"א שו"ב, הרה"ח ר' חיים שלום טובי' גדלי' פעקעטע הי"ו.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו, שיר המעלות הב' שמואל גראס נ"ו פון שיכון סקווירא. מיט די שבע ברכות פון החתן ר' יעקב מרדכי פרענקל נ"ו זענען מכובד הרה"ח ר' פנחס לוי שטיינמעץ הי"ו, הרה"ח ר' יקותיאל יצחק פרענקל הי"ו, הרה"ח ר' יודא משה געלב הי"ו פון מאנטריאל, הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א מו"ץ, ברכה אחריתא הרה"ח ר' הערשל מאנן הי"ו פון וומסב"ג.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, נאך מעריב איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א גוטע וואך א גוט יאר.

הגבהת הכוס צו הבדלה מוה"ר משה ראזענבערג הי"ו, די הבדלה האט געהאלטן החתן אשר ענזיל געלב נ"ו תלמיד ישיבה גדולה.

דערנאך האט דער רבי דערציילט שיחות קודש.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

## מאנטאג פר' תולדות

נאכמיטאג איז דער רבי אנגעקומען אויף א קורצע בליץ באזוך אין ניו יארק, דער רבי איז צום ערשט אנגעקומען בבנין הישיבה גדולה תורת משולם פייש אין קרית יואל, ווי דער רבי האט געקלאפט א מזוזה אינעם נייעם בנין, דערנאך מכבד געווען דער מנהל הרה"ג ר' מענדל וואלף האלצער שליט"א צו קלאפן א מזוזה.

דערנאך האט מען זיך געזעצט צו א מסיבת לחיים, ווי מען האט געזינגען ווארימע ניגונים, און דער מנהל שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט פאסיגע ווערטער, און באגריסט דעם רבי'ן, איבערגעבנדיג א גריס ווי די תלמידי הישיבה הארעווען אריין מבוקר עד הערב, און מען אקערט אדורך די פעסטע סוגיות פון מס' בבא מציעא, און די עומקה של הלכה פון הלכות שבת. און ווי עס זעהט זיך אן די גוטע מדות פון די תלמידים בין אדם לחבירו, און ס'איז ניכר קלסתר פניו אויף די תלמידי הישיבה, אז דאס זענען טאהש'ע תלמידים.

דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש, דערנאך געמאכט א לחיים און פארטיילט שיריים פון די לקח פאר אלע בחורים. דערנאך האט מען געדאווענט א פייער'דיגע תפילת מנחה.

❖

דערנאך איז דער רבי אין באגלייטונג פון די תלמידי

הישיבה גדולה, אריבער צום דערנעבנדיגן בנין הישיבה קטנה תפארת משולם פייש, ווי עס איז פארגעקומען א מסיבת שבע ברכות, לכבוד הרה"ג ר' יואל גאנדל שליט"א, ר"מ בישיבה גדולה ובישיבה קטנה, וואו דער מנהל הרה"ג ר' מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין שליט"א האט אויפגעטרעטן, און מקבל פנים געווען דעם רבי'ן, דערנאך האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש דברי פתיחת הזמן בעניני תורה ויראת שמים, עבודת התפלה ומדות טובות, פאר א לענגערע צייט. דערנאך האט מען ארויסבאגלייט דעם רבי'ן בשירה ובזמרה.

◆

נאכמיטאג איז דער רבי אנגעקומען אין מאנסי אויף ניחום אבלים ביי בן אחותו האדמו"ר מ'זידיטשוב פרעמיסלא שליט"א, היושב על פטירת אשת נעורים הרבנית הצדקית ז"ל, ווי דער רבי האט זיך אויפגעהאלטן א לענגערע ווייליע, שמועסנדיג זכרונות מימי קדם, און בשבחיו פון די חשובע נפטרת. עקסטער האט דער רבי געטרייסט ביי די נשים צדקניות א לענגערע צייט, און אריינגעבלאזן עמער'ס פון חיזוק ועידוד אין די אבילים און יתומים.

דערנאך איז דער רבי אריבער צו ישיבה דמשק אליעזר זידיטשוב פרעמיסלא, על פי בקשת האדמו"ר מ'זידיטשוב פרעמיסלא שליט"א, ווי דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש פאר די תלמידי הישיבה.

◆

פארנאכטס איז דער ערשינען בבית מדרשינו אין מאנסי, ווי דער רבי האט געדאווענט תפילת מעריב, צום עמוד איז צוגעגאנגען הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א מנהל בית צירל.

נאך מעריב האט דער רבי געמאכט קביעת מזוזה אויפן נייעם בנין הבית המדרש, דערנאך זיך געזעצט צום מסיבת לחיים, ווי מען האט געזינגען פאסיגע ניגונים און דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש און פארטיילט לקח פאר אלע פארזאמעלטע, דערנאך געזעגנט דעם ציבור.

◆

דערנאך איז דער רבי אריבער צום בנין התלמוד תורה עבודת משולם פייש אין מאנסי, ווי דער רבי האט זיך אומגעקוקט מיט קענטיגע הנאה, און אנגעוואונטשן ברכת קודש פאר די עסקנים.

דערנאך זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג אהיים למעון קדשו אין קריתינו הק'.


## קול איחוד טאהש



קולו בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאודעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת זבחים (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניו

יו"ל ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג

מזון הנפש

## סדר הלימודים
במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

= פרשת ויצא =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק תולדות | דף ט: | דף ו. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף י. | דף ו. | דף קכד: | דף קכב. |
| מאנטאג | דף י: | דף ז. | דף קכה. | דף קכב: |
| דינסטאג | דף יא. | דף ז: | דף קכה: | דף קכג. |
| מיטוואך | דף יא: | דף ח. | דף קכו. | דף קכג: |
| דאנערשטאג | דף יב. | דף ח: | דף קכו: | דף קכד. |
| עש"ק | דף יב: | דף ט. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' פרשת ויצא
חבורת ז' עמודים - כל מסכת הוריות
חבורת ה' עמודים - קיג. - קכב:
הערליכע שיעורים לימוד וחזרה קען מען הערן אויף קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 41 פון די מעין מעניו.